צו דעם פייערלעכן מאָמענט פון 30־טן יובילייר וועט האָיאָר צוקומען דער נייער פאַקט פון די אונטערהאַנדלונגען אין זשענעווע און די פּערספּעקטיוון פון שלום פאַר ישראל מיט זיינע אַראַבישע שכנים.

ענדע מאי וועלן מיר אויף באַניע ביים מאָנומענט פון יידישער גבורה, וועלכן מיר האָבן אויפגעבויט צום אָנדענק פון אונזערע חברים, געפאַלענע אויף די פראָנטען, דערמאָנען די געשעענישן פון פאַר 35 יאָר, דעם קרבנותפולן קאַמף פון אונדזערע געפאַלענע העלדן, וועלכע האָבן צוגעגרייט דעם וועג פון ווידערשטאַנד קעגן היטלעריסטישן אָקופּאַנט און די באַפרייאונג פון פראַנקרייך.

אונזערע פייערונגען וועלן דערגרייכן זייער הויך־פּונקט אויף אונזער באַנקעט נאָך די וואַקאַנסן, ווען עס וועלן זיך פאַרזאַמלען הונדערטער פון אונדזערע מיטגלידער צוזאַמען מיט פראָמינענטע פאַרשטייער פון דער פראַנצויזישער קאָמבאַטאַנטן - וועלט. דאָס וועט זיין אַ גרויסע פריינטשאַפט - פאַרזאַמלונג און אַ מאַניפעסטאַציע פון צוגעבונדנקייט צו דער אָרגאַניזאַציע, וועלכע מיר האָבן אַלע צוזאַמען געבויט און אָפּגעהיטן אין פאַרלויף פון די 30 שטורמישע יאָרן.

נאָך די וואַקאַנסן וועט אויך דערשיינען דער ספּעציעלער יובל־נומער פון „אונזער ווילן״ אין אַ פאַרגרעסערטן פאָרמאַט, אין וועלכן מיר וועלן אונטערציען אַ בילאַנס פון אונזער פרוכטבאַרער טעטיקייט און מיר וועלן פאַרענדיקן דאָס יובל - יאָר מיטן טראַדיציאָנעלן 30־טן נאַכט־באַל.

דאָס זיינען די אַלגעמיינע ראַמען פון די פייערונגען, וועלכע זיינען אָנגעצייכנט געוואָרן דורכן צענטראַל־קאָמיטעט.

די אויפגאַבע פון דער קאָמיסיע,וועלכע איז אויסגעוויילט געוואָרן, כדי צוצוגרייטן אַ גענויעם פּלאַן פון די פייערונגען, וועט זיין אויסצופילן די ראַמען מיט אַ וואָס רייכערן אינהאַלט.

מיטגלידער פון דער קאָמיסיע: ב. פאַנס, איזי בלום, י. פרידמאַן, ב. שוסטער, ש. אַפּעל, י. פּערסטונסקי, ס. זילבערבערג, אי. בעלער.

# אונדזער יערלעכער נאכט-באל אדורך מיט גרויס דערפאלג

דער נאַכט-באַל פון 24־טן דעצעמבער 1973, וועלכער איז פאַרגעקומען אין די שיינע זאַלן פון האָטעל הילטאָן, איז ווי אַלע יאָר, געווען אַ געלונגענער.

דאָס איז שוין די טראַדיציאָנעלע טרעפונג פוו אונזערע מיטגלידער, כדי צוזאַמען צו געזעגענען דאָס אָפּפליסענדיקע יאָר

אין די גרויסע סאַלאָנען, ביי געדעקטע טישלעך האָט דער עולם פאַרבראַכט אין אַ זייער אָנגענעמער חברישער סביבה. צווישן די אָנוועזנדיקע האָט מען באַמערקט זייער אַ סך יוגנטלעכע, וועלכע האָבן געטאַנצט ביים אַקאָמפּאַניאַמענט פון גלענצנדיקן אָרקעסטער, אָנגעפירט דורך פּאָל פאַבר. גאָר שטאַרק האָט אויסגענומען די באַליבטע זינגערין ראָזיטאַ אין איר רייכן יידישן און העברעאישן פאָלקלאָר־רעפּערטואַר.

אונזער לעצטער נאַכט-באַל איז פאַרגעקומען עטלעכע וואָכן נאָך דער יום־כיפּור-מלחמה, וועלכע האָט געשאַפן אַ געשפּאַנטע און אַפילו אַ געדריקטע שטימונג אין די רייען פון אונזערע מיטגלידער.

אַבער אויפן באַל האָט מען שוין געפילט די שטימונג פון דער זשענעווער קאָנפערענץ, וואָס האָט געעפנט די פּערספּעקטיוו פון אַ שלום צווישן ישראל און זיינע אַראַבישע שכנים.

דער דאָזיקער פּראָבלעם איז טאַקע געווען דער לייט-מאָטיוו פון די געשפּרעכן ביי די טישלעך, ווו אונדזערע מיטגלידער האָבן זיך משמח געווען ביי אַ גלעזל שאַמפּאַן און געמיטלעך פאַרברענגט די נאַכט אין אַ חברישער אַטמאָספער פון קאָמבאַטאַנטן, וואָס האָבן צוזאַמען געקעמפט אויף די פראָנטן און אין ווידערשטאַנד, אָדער צוזאַמען געשמאַכט אין דער געפאַנגענשאַפט.

די אָרגאַניזאַציע פון באַל איז געווען אַ גלענצנדיקע. יעדער האָט זיך געפילט ווי ביי זיך אין שטוב.

מיר דאַנקען אַלע חברים, וואָס האָבן בייגעשטייערט צום מוסטערהאַפטן פאַרלויף פון אונזער נאַכט־אונטערנעמונג.

# די יערלעכע אלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון אונזער פאַרבאַנד

קומט פאָר

זונטיק דעם 31 מערץ

10 פרי פּינקטלעך

אונטערן צייכן

פון 30־טן יובל

אין דער מעריע פון

9־טן אַראָנדיסמאַן

6, רי דרואָ

מעטראָ רישעליע דרואָ

טאָג־אָרדענונג:

1. דערעפענונגס - רעדע פון פּרעזידענט ב. פאַנס
2. טעטיקייט - באַריכט פון גענעראַל - סעקרעטאַר איזי בלום
3. פינאַנציעלער באַריכט פון קאַסירער ל. סאַלאָמאָן
4. דיסקוסיע
5. אָפּשטימונג פון דער רעזאָלוציע
6. וואַלן פון דעם קאָמיטעט

די פאַרזאַמלונג וועט זיך פאַרענדיקן מיט אַ וועןד׳האָנער.

# קעגן אנטיסעמיטישע דערשיינונגען, פאַר פאַרעפנטלעכן ליסטעס פון ישראל־געפאַנגענע אין סיריע

אויף איר זיצונג פון 5־טן פעברואַר 1974 האָט די ביוראָ פון יידישן קאָמבאַטאַנטן־פאַרבאַנד באַטראַכט אַ ריי וויכטיקע אַקטועלע פּראָבלעמען.

אין דער ערשטער ריי איז באַהאַנדלט געוואָרן די פראַגע פון ישראל און די לעצטע אַנטוויקלונגען אויפן וו עג צו אַ שלום אין נאָענטן מזרח. די ביוראָ האָט אויסגעדריקט איר צופרידנקייט צוליב דער ניי־געשאַפענער לאַגע פון צעשיידן די מיליטערישע כוחות פון ישראל און עגיפּטן ביים סועץ־קאַנאַל אויפן סמך פון די אונטערהאַנדלונגען אין זשענעווע און די דירעקטע קאָנטאַקטן צווישן ישראלדיקע און עגיפּטישע מיליטער־לייט ביים קילאָמעטער 101. דאָס אַנטשפּרעכט אונדזערע כסדר אויסגעדריקטע ווונטשן וועגן אַ פרידלעכער לייזונג פון קאָנפליקט צווישן ישראל און זיינע אַראַבישע שכנים.

די ביוראָ האָט אויך באַטראַכט די פראַגע פון די ישראל־געפאַנגענע אין סיריע. די דיסקוסיע האָט געבראַכט צום אויסדרוק דאָס געפיל פון צאָרן פון די יידישע קאָמבאַטאַנטן צוליב דעם אָפּזאָג פון דער סירישער רעגירונג צו פאַרעפנטלעכן די ליסטעס פון די ישראל־געפאַנגענע, וואָס איז אין קעגנזאַץ צו די אינטערנאַציאָנאַלע אָפּמאַכן אין דער פראַגע.

אין אַ ברייטער דיסקוסיע האָבן די טוער פון פאַרבאַנד זיך אַרויסגעזאָגט וועגן דער געפאַר פון נעאָ־אַנטיסעמיטיזם, וועלכער איז געקומען גאָר באַזונדערס צום אויסדרוק אין צוזאַמענהאַנג מיטן אָפּזאָג פון סאַודי־אַראַבישן קאָנסולאַט אין פּאַריז אַרויסצוגעבן אַן איינרייזע־וויזע אַ זשורנאַליסט פון יידישער אָפּשטאַמונג, וועלכער האָט געזאָלט באַגלייטן דעם פראַנצויזישן אויסערן־מיניסטער בעת זיין באַזוך אין דאָזיקן לאַנד. זיי האָבן אויסגעדריקט זייער באַאומרואיקונג צוליב אַנדערע דערשיינונגען, ווי למשל דאָס פאַרעפנטלעכן די יידישקלינגענדיקע נעמען פון די פאַראורטיילטע אין דער אַפערע פון „גאַראַנטי פאָנסיער״ דורכן „פּאַריזיען ליבערע״, וואָס האָט געטראָגן אַן אַנטיסעמיטישן ביגעשמאַק, ווי אויך צוליב די אָפטע מאַניפעסטאַציעס פון אַ ראַסיסטישן כאַראַקטער.

די ביוראָ האָט אויסגעדריקט איר פּראָטעסט קעגן דער שאַפונג אין מערב־דייטשלאַנד פון אַן אַמיקאַל פון די געוועזענע פון דער ס.ס.־דיוויזיע, „דאָס רייך״, וועלכע האָט זיך טרויעריק באַרימט געמאַכט צוליב אירע גרויל־טאַטן לגבי יידן און ווידערשטענדלער.

די ביוראָ פון פאַרבאַנד האָט באַשלאָסן אָנטיילצונעמען אין אַלע פּראָטעסט־מאַניפעסטאַציעס, וואָס האָבן פאַר אַ ציל צו באַקעמפן די דאָזיקע באַאומרואיקנדיקע דערשיינונגען, נעמלעך: אין מיטינג פון דער „ליקאַ״ דעם 6־טן פעברואַר, אין דער פאַרזאַמלונג גערופן דעם 7־טן פעברואַר דורכן קאָמיטעט פאַר פאַרטיידיקונג פון די ישראל־געפאַנגענע אין סיריע און דער מאַניפעסטאַציע פון „מראַפּ״ קעגן ראַסיזם דעם 9־טן פעברואַר.

עס איז אויך באַשלאָסן געוואָרן זיך צו ווענדן צו דער פעדעראַציע פון די קריגס־געפאַנגענע אין פראַנקרייך, כדי צו ציען איר אויפמערקזאַמקייט אויפן פּראָבלעם פון פאַרלעצן דורך סיריע די רעכט פון קריגס־געפאַנגענע.

די ביוראָ האָט באַשלאָסן צו אָרגאַניזירן די אַלגעמיינע יערלעכע פאַרזאַמלונג פון פאַרבאַנד דעם 31־סטן מערץ. די פאַרזאַמלונג וועט זיך פאַרענדיקן מיטן טראַדיציאָנעלן חברישן ׳וועןד׳אָנער״.

ס׳איז איבערגעגעבן געוואָרן אַ גענויע אינפאָרמאַציע וועגן אינהאַלט פון אָנווענדונגס־דעקרעט נוגע דער עלטער־רענטע פון קריגס־געפאַנגענע און קאָמבאַטאַנטן פון 60 יאָר אָן. דער דעקרעט אַנטשפּרעכט נישט די האָפענונגען פון דער קאָמבאַטאַנטן־וועלט און האָט אַרויסגערופן אַן אַנטוישונג צוליב דער פאַרשמעלערונג פון די מעגלעכקייטן, וואָס דאָס געזעץ האָט פאָרויסגעזען לטובת די קריגס־געפאַנגענע און געוועזענע קאָמבאַטאַנטן.

# דערשינען דעקרעט נוגע עלטער-רענטע פאַר קריגס-געפאַנגענע און קאמבאטאנטן אונטער 65 יאר

די וויכטיקסטע געשעעניש אין דער קאָמבאַטאַנטן־וועלט אין דער לעצטער צייט איז זיכער דאָס פאַרעפנטלעכן דעם דעקרעט נוגע דער עלטער־רענטע פאַר קריגס־געפאַנגענע און געוועזענע קאָמבאַטאַנטן אונטער 65 יאָר.

זייט לאַנגע יאָרן האָבן די אָרגאַניזאַציעס פון די געוועזענע קריגס־געפאַנגענע געפירט אַ קאָמפּאַניע פאַר אַ רעטרעט ביי 60 יאָר. עס זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן אַ ריי ספּעציעלע וויסנשאַפטלעכע צוזאַמענטרעפן. די פאָרשונגען וואָס זיינען געפירט געוואָרן אין פאַרשידענע לענדער האָבן באַוויזן, אַז די געוועזענע קריגס־געפאַנגענע שטאַרבן דורכשניטלעך פריער, ווי אַנדערע פערזאָנען; די צאָל קראַנקע אויף האַרץ, לונגען, ראַק א״א, איז אַ גרעסערע ווי ביי דער איבעריקער באַפעלקערונג.

ענדלעך האָט דער פראַנצויזישער פאַרלאַמענט אָפּגעשטימט דעם 21־סטן נאָוועמבער 1973 אַ געזעץ, אויפן סמך פון וועלכן די קריגס־געפאַנגענע און קאָמבאַטאַנטן קאָנען באַקומען אַ נאָרמאַלע רענטע (אַזוי ווי אַנדערע ביי 65 יאָר) אָנהייבנדיק פון 60 יאָר.

(סוף אויף זייט 6)

№144 Fevrier 1974 (1)

<< Fonds UEVACJEA, Paris_CDJC_Mémorial de la Shoah >>

# טעאַטער און פילם

מ. שוסטער

די לאַגע אין פראַנצויזישן טעאַטער־וועזן איז אויך אין 1973 נישט געווען אַ גאַר פריגלדיקע. מען איז שוין ווי מען זאָגט צוגעוווינט צו די צרות און פיל טעאַטער־דירעקטאָרן ווינטשן זיך בלויז עס זאָל האַיאָר נאָר נישט זיין ערגער.

קוקט מען זיך אָבער צו נעענטער שטעלט מען קודם כל פעסט, אַז די צאָל צושויער פאַלט פון יאָר צו יאָר : 15 פראָצענט ווייניקער בלויז פון סעפטעמבער 1973, כאָטש אייניקע טעאַטער־זאַלן (דאָס רוב לייכטע פיעסן) האָבן אין די ניי־יאָר־טעג געשפילט ביי פאַרמאַכטע קאַסעס.

אין דורכשניט האָבן די איינקונפטן פון גאַעל 1973 באַטראָפן 857 טויזנט פראַנק ד״ה 76 מיליאָן אַלטע פראַנק קעגן 86 מיליאָן אַלטע פר. אין גאַעל 1972 : אין דער נאַכט פון ניי־יאָר 116 מיליאָן קעגן 119 מיליאָן אַלטע פראַנק פון פאַראַיאָרן און דאָס טראָץ די העכערונגען פון די בילעטן־פרייזן.

דער דאָזיקער אונטערשיד וואָלט אפשר נישט געהאַט קיין צו גרויסע באַדייטונג ווען מען זאָל נישט דאַרפן נעמען אין אַכט, די וואַקסנדיקע אויסגאַבן ביים שטעלן אַ ספּעקטאַקל, וואָס זיינען געשטיגן אויף מינדעסטנס 10 פראָצענט.

נישט געקוקט אויף די אַלע שוועריקייטן האָבן מיר איצט, שוין פון אָנהויב יאָר פונקט אַזוי פיל פיעסן ווי פאַראַיאָרן אין דער צייט. אַלע טעאַטער־זאַלן, די וואָס זיינען פאַרבליבן, ווייל מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז אייניקע פריוואַטע טעאַטערס האָבן טאַקע געמוזט זיך שליסן, באַמיען זיך אויפצופירן נייע פיעסן אָדער אויפצוהאַלטן די, וואָס האָבן אַ געוויסן דערפאָלג.

מען דאַרף אָבער באַלד צוגעבן, אַז די אַלע פיעסן, צווישן זיי זייער פיין געשפילטע, זיינען נישט קיין סענסאַציעס. אין טעאַטער דע לאַ וויל ווערט געשפילט „לע פאַס קאָנפידאַנס“ פון מאַריוואָ, וואָס מיר האָבן געזען מיט פאַרגעניגן. דאָס איז איינע פון מאַריוואָס פיעסן, וואָס גיט אַ געטרוי בילד פון די זיטן אין זיין צייט. דאָס מאָל געהערן נישט די פערסאָנאַזשן צום נאָבעלן קלאַס, נאָר צו דער בורזשואַזיע און דאָס געפעלט נעמלעך נישט אַלע קריטיקער.

אין דער „קאָמעדי פראַנסעז“, (זאַל רישעליע) ווערט געשפילט „פעריקלעס“ פון שעקספּירן. זייער אַ שיינער טעקסט מיט אומגליקן אויפן ים. פון שעקספּירן אויך „לאַ טאַמפּעט“ אין ט. ע. פּ.

דאָס איז נוגע די סובווענציאָנירטע טעאַטערס. חוץ „אָדעאָן“ צו וועלכן מיר וועלן זיך נאָך צוריקקערן.

אין די פריוואַטע טעאַטערס, חוץ אייניקע וואָדעווילן מיט גרויסע ווערטן ווי דע פינעס, (אין קאָמעדי דע שאַנז־עליזעי „לאַ וואַלס די טאָרעאַדאָר“), אָדער אין „אַמבאַסאַדער־עספּאַס־קאַרדען“ מיט דעלפין סעריג און זשאַן מאַראָ, וואָס איז אגב זייער מאַנאַטאָן, איז נישטאָ קיין פיעסן וואָס פאַרדינען אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט.

## „דרייפוס“ — אַ פיעסע וואָס פאַרדינט מען זאָל זי זען

**« DREYFUS », de Jean-Claude Grumberg, à l'ODEON**

דערפאַר האָבן מיר מיט אַ באַזונדערן אינטערעס געזען די פיעסע „דרייפוס“ פון יונגן אָבער זייער טאַלאַנטפולן אויטאָר זשאַן קלאָד גרימבערג. אַ פיעסע, וואָס גייט מיט גרויס דערפאָלג אין „אָדעאָן“, ביים לוקסעמבורגער גאָרטן. פאַראַן געוויסע קריטיקער, וואָס האַלטן, אַז דאָס איז אגב די בעסטע פיעסע, וואָס מען קאָן איצט זען אין פאַריז.

אויב די פיעסע קאָן צוליב איר טעמאַטיק פאַראינטערעסירן נישט־יידן, איז זי אָבער גאָר באַזונדערס נאָענט די יידן, ווייל דער אויטאָר האָט זיך דאָ פאַרמאָסטן נישט בלויז אַרויפצופירן יידיש טעאַטער פון פאַרן לעצטן חורבן אויף דער פראַנצויזישער בינע, נאָר אויך אַרויסצוברענגען יידישע געשטאַלטן מיט זייערע איבערלעבענישן און זייערע טראַגישע גוראַנגעלגישן אין אַמאָליקן „שטעטל“, אין פוילן, איידער די נאַצישע מערדער און זייערע אַרויסהעלפער האָבן עס „ליקווידירט“ צוזאַמען מיט די איינוווינער.

דער אינהאַלט פון דער פּיעסע איז נישט חל דער דרייפוס־אַפערע, אָבער אַלץ דרייט זיך אַרום דרייפוסן און ווי אַזוי די יידן פון אַ פאַרשטאָט אויף צפון פון ווילנע, אין 1931, האָבן קאָמענטירט אָט דעם מאָנסטרועזן בילבול, אין סוף פון 19־טן יאָרהונדערט, וואָס זיי האָבן געטראַכט וועגן זיינע ליידן, וועגן אַנטיסעמיטיזם, ווי וועגן יידישן קיום.

די אַלע דיסקוסיעס קומען פאָר בעת די רעפּעטיציעס פון דער פּיעסע „דרייפוס“, וואָס ס'האָט אָנגעשריבן דער דראַמאַטורג און רעזשיסער מאָריס און וואָס עס גרייט זיך אויפצופירן אַ טרופּע אַקטיאָרן־אַמאַטאָרן.

עס זיינען פאַראַן פיל קאָמישע מאָמענטן, וואָס ווערן אַרויסגעריקט דורך די אַקטיאָרן, וועלכע זעען דאָ אַ גוטע געלעגנהייט צו ווייזן, וואָס זיי קאָנען... זיי זיינען אָבער געצוימט דורכן אויטאָר, וועלכער האָט נישט בדעה צו מאַכן סתם טעאַטער, נאָר צו סיטואירן דרייפוסן אין קאָנטעקסט פון די דעמאָלטיקע געשעענישן. דאָס וואָס מאָריס וויל איז עכט און פולקאָם טעאַטער, מיט אַ מוסר השכל, אַז בלויז אין אַ געזעלשאַפט, ווו יעדער מענטש, דער נישט־ייד און ייד וועלן זיך קאָנען אויסלעבן וועט מאַכן אַ סוף צום אַנטיסעמיטיזם און ראַסן־שינאות.

עס זיינען אויך פאַראַן אַנדערע קאָמישע מאָמענטן ווען די אַרטיסטן רעדן אַלע צוזאַמען, פאַלן זיך אַריין אין די רייד. דאָס שאַפט פאַרשטענדלעך קאָמישע סצענעס, וואָס באַלעבן די פיעסע. דאָס אַלץ איז אין ערשטן טייל, פאַרן פאָגראָם אָדורכגעפירט פון פוילישע שיכורע אַנטיסעמיטן. דער צווייטער טייל איז טרויעריק צום וויינען, ווייל די פיעסע וועט נישט אויפגעפירט ווערן. דער אויטאָר פאָרט אַריבער קיין וואַרשע און קעמפט דאָרט צוזאַמען מיט די קאָמוניסטן. מישעל דער שוסטער, וואָס האָט געדאַרפט שפּילן דרייפוסן פאָרט אַוועק צוזאַמען מיט מירימען קיין דייטשלאַנד. אַלע וועלן 10 יאָר שפּעטער אומקומען אין ווילנער געטאָ, ווו זיי האָבן געשפּילט צום לעצטן מאָל „טוביה דער מילכיקער“.

די פּיעסע און די שפּיל, אונטער די קלאַנגען פון יידישע פאָלקס־ניגונים, ווי אויך די דעקאָראַציעס ווירקן זייער שטאַרק אויף די צושויער.

דאָס איז זיכער צוליב דעם, וואָס די שפּראַך פון אויטאָר, זיין דראַמאַטישער חוש צו פאַרטיפן די פּערסאָנאַזשן, די איראָנישע סאַרקאַסטישע שפּאַס־ווערטלעך און אַנדייטונגען, די טיפע יידישע פאָלקס־חכמה און דאָס טראַנספּאָזירן די דאָזיקע פאָלקס־מענטשן אויף דער פראַנצויזישער בינע אַזוי ווי ער האָט זיי רעקאָנסטיטואירט אַן דעם זיי צו פאַרשענערן, ווערט באַטראַכט אַלס עכט און אמתדיק טעאַטער.

ביז גאָר טרעפלעך זיינען אַרנאָלד, דער אַלטער אַקטיאָר, מישעל דער שוסטער, מאָטל דער שניידער, זלמן דער שמש, זינאַ, מרים, דער ציוניסטישער רעדנער און מאָריס דער אויטאָר און רעזשיסער. יעדער פּערסאָנאַזש שטעלט פאָר מיט זיך אַ וועלט און זייערע גלייכווערטלעך דערקוויקן די נשמה.

מען האָט דאָס געפיל, אַז זשאַן קלאָד גרימבערג האָט זיך אינספּירירט נישט בלויז פון שלום עליכמען, י. ל. פּרצן, נאָר אויך פון סטאַניסלאַווסקין, וועלכער האָט געפאָדערט פון דער קונסט : „פּשוטער, גרינגער, העכער, פריידיקער“.

דער אויטאָר האָט אָבער צוליב זיין סובטעלקייט נישט געקאָנט געבן בלויז יידישן הומאָר, נאָר אויך טרערן, ווייל ער ווייטיקט צו שטאַרק איבערן חורבן. דערפון אויך אַזאַ צאַרטקייט צו זיינע פּערסאָנאַזשן און זיין ווילן בייצושטייערן, אַז די יידישע קולטור און טעאַטער זאָל פאַרגעזעצט ווערן אין פראַנקרייך, אויב נישט אין יידיש זאָל עס זיין אין פראַנצויזיש. און דערפאַר גלויב איך קומט אים צו באַגריסן און צו דערמוטיקן אין זיין וועג און אים מוחל צו זיין געוויסע שוואַכקייטן, וואָס זיינען פאַראַן דאָ און דאָרט אין טעקסט און אין דיאַלאָג.

לאָמיר דערמאָנען, אַז אַלע אַרטיסטן שפּילן גלענצנדיק, באַזונדערס קלאָד דאַפּען און מאָריס שעוויט. דאָס זעלבע אויך וואָס נוגע דער מיזאַן סצען פון זשאַק ראָזשער, דער דירעקטאָר פון „טעאַטער לאַמברעקען“.

מיר ראָטן דעריבער אַלע אונדזערע מיטגלידער צו זען די פּיעסע, וואָס ווערט געשפּילט ביזן 3־טן מערץ און מיר זיינען זיכער, אַז זשאַן קלאָד גרימבערג מיט וועלכן מיר האָבן זיך נעענטער באַקענט, וועט אונדז געבן נאָך מער וואָגיקערע פּיעסן, סיי וועגן יידישן לעבן פון אַ מאָל און סיי וועגן יידן פון היינט אין קאַמף פאַר אַ וועלט אָן שנאה און האַס, ווו יעדער וועט זיך קאָנען אויסלעבן פריי אין זיין קולטור און אויף זיין שטייגער.

### ק י נ אָ

מיר אַנטשולדיקן זיך וואָס מיר האָבן מער נישט קיין מעגלעכקייט צוליבן איבערפלוס פון מאַטעריאַל וועגן טעאַטער צו רעדן וועגן פילמען. עס זיינען פאַראַן זייער ווייניק גוטע אין איצטיקן מאָמענט.

#### „לאַקאָמב לוסיען“

פונדעסטוועגן זיינען דאָך נאָך פאַראַן פילמען צום זען. דאָס איז דער פאַל מיטן פילם „לאַקאָמב לוסיען“ פון לואי מאַל. דער סצענאַריאָ איז פון יונגן שרייבער פּאַטריק מאָדיאַנאַ, דער אויטאָר פון „ראָנד דע נויאַי“ און פון „בולוואַר דע סאַנטיר“. אין לעצטן בוך באַמיט ער זיך אויפצולעבן די אָקופּאַציע־יאָרן זוכנדיק זיין יידישן פאָטער.

אין דעם פילם זיינען מיר אין פראַנקרייך אין יוני 1944. אין מאָמענט ווען עס הויבן זיך אָן די מפּלות פאַר די היטלעריסטישע אַרמייען, פאַר דער געשטאַפּאָ און פאַר דער דאַרנאַן־מיליץ. אַ יונגער פּויער לוסיען, אָן דערפאַרונגען, ווערט געשטויסן צו ווערן אַ פאַררעטער.

לואי מאַלו איז זייער געלונגען צו רעקאָנסטיטואירן אָט די פאַרגאַנגענע צייט, וואָס דער שרייבער האָט זיך אָוועקגעלאָזט זוכן און וואָס נישט ער און נישט לואי מאַל האָבן זי געקענט. דאָך גיט עס דעם מעטער אַן סצען די געלעגנהייט אויפצולעבן אָט די שווערע פינצטערע יאָרן, איבערלעבענישן פון דער רעזיסטאַנס, און נאָכצופאָלגן דעם גורל פון דעם בחור, וואָס גיט אויס דער געשטאַפּאָ דעם לערער פון שטעטל און לייטענאַנט פון דער רעזיסטאַנס. דער גורל פון לאַקאָמב לוסיען איז געחתמעט. ער איז געוואָרן דער פראַנצויז פון דער געשטאַפּאָ. פאַר דעם יונגן אָרעמען פּויער, וועמענס פאָטער איז אַ קריגס־געפאַנגענער, איז דאָס אַ גליק : ער ווערט רייך, מעכטיק און מען האָט מורא פאַר אים. ער איז אַריינגעפאַלן אין דער פאַסטקע און העלפט די דייטשן צו מאָרדן פראַנצויזן.

נאָך אַ טראַגישער עפּיזאָד פון די אָקופּאַציע־יאָרן און אַ פילם פון וועלכן עס וויעט מיט טיפער מענטשלעכקייט — אַ פילם צו זען.

---

### פון 1־טן יוני 1974
### ווערט פון פונקט
### פאַר קריגס־געפאַנגענע
### 13.81 פראַנק

דעם 1־טן יאַנואַר 1974 האָט די רעגירונג געהעכערט די לוינען פון די מלוכה־פונקציאָנאַרן מיט 1,5 פּראָצענט.

דאָס איז אַן אַוואַנס אויף די העכערונגען, וועלכע וועלן שפּעטער באַשטימט ווערן.

דער דעקרעט איז דערשינען אין „זשורנאַל אָפיסיעל“ פון 5־טן יאַנואַר.

עס איז דעריבער געהעכערט געוואָרן פון 1־טן יאַנואַר די ווערט פון פונקט, וועלכער מאַכט איצט אויס 13.81 פראַנק.

Imprimerie IM. PO., 65, rue du Fg-St-Denis, Paris (10°).

Le Directeur : I. CLEITMAN



---

## 17-טן מערץ - אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון „מיטיעל“ ביים קאַמבאַטאַנטן-פאַרבאַנד

פרייטיק, דעם 18־טן יאַנואַר איז זיך צוזאַמענגעקומען דאָס ערשטע מאָל אין נייעם יאָר דער קאָמיטעט פון „מיטיעל“ ביים יידישן קאָמבאַטאַנטן־פאַרבאַנד.

נאָכן אויסהערן אַ באַריכט פון דער אָפּגעטאָענער טעטיקייט, האָט דער קאָמיטעט אויסגעדריקט זיין אָנערקענונג פאַר דער נוצלעכער אַרבעט פון „מיטיעל“ אין יאָר 1973 און נאָך אַ ברייטער דיסקוסיע אָנגעצייכנט די אויפגאַבן פאַרן יאָר 1974. ספּעציעל גרינטלעך איז אַרומגערעדט געוואָרן די אויסברייטערונג פון אונזער סאָציאַלער טעטיקייט.

דער קאָמיטעט האָט אָנגענומען פאָלגנדיקע באַשלוסן :

1. די יערלעכע אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג וועט פאָרקומען זונטיק, דעם 17־טן מערץ 1974 ביי געדעקטע טישן.

2. אויסברייטערן די סאָציאַלע קאָמיסיע.

3. די פּערמאַנענצן פון „מיטיעל“ וועלן ווייטער פאָרקומען יעדן צווייטן דינסטיק אין חודש. די מיטגלידער וועלן קאָנען דערלעדיקן אַלע ענינים נוגע דעם „מיטיעל“.

אַלע מיטגלידער פון „מיטועל“ ווערן געבעטן זיך צו רעזערווירן די דאַטע פון 17־טן מערץ, כדי זיך צו באַטייליקן אין דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג, וועלכע קומט פאָר אין לאָקאַל פון פאַרבאַנד, 2 אַזייגער נ״מ.

די פאַרוואַלטונג

---

## וויכטיק פאַר נאַצי־קרבנות וואָס געניסן פון דייטשע אַנטשעדיקונגען

די אַלע פּערזאָנען, וואָס באַקומען דייטשע פּענסיעס און זיינען פאַרשריבן אין אַסיסטאַנס וואָלאָנטער פון דער סעקוריטע סאָסיאַל, אָדער אין פאַרשידענע מיטועלן (פּאַסיאָניערס, אַרטיזאַנען און קאָמערסאַנטן,) און וועלכע האָבן ביז איצט געקאָנט צוריק באַקומען פאַר די אָנערקענטע קראַנקייטן בלויז דעם אונטערשיד פון דעם, וואָס עס האָט זיי אויסגעצאָלט זייער פאַרזיכערונגס־קאַסע, קאָנען פון איצט אָן באַקומען פון די דייטשע אויטאָריטעטן 100 פּראָצענט פאַר זייערע אויסגאַבן, אַפילו ווען זייער קאַסע האָט זיי באַצאָלט אַ געוויסן טייל.

מען דאַרף צושטעלן : אַ פאָטאָקאָפּיע פון דער „פוי־דע־מאַלאַדי“ מיט דער וויניעט, די אָרדאָנאַנסן פון דאָקטער, דעם רעכענונג פון דער קראַנקן־קאַסע און אַ פאָטאָקאָפּיע פון זייער פאַרזיכערונג־קאַרטע.

די אַלע דאָקומענטן דאַרפן צוגעשטעלט ווערן אין דייטשן קאָנסולאַט, 6 אַוועני פראַנקלען רוזוועלט.

אין קיין שום פאַל נישט שיקן די דאָקומענטן קיין דייטשלאַנד.

---

## וואָס הערט זיך אין דער קאַמבאַטאַנטן-וועלט ?

(סוף פון זייט 6)

די אַרבעטס־גרופּע נוגע דעם „ראַפּאָר קאָנסטאַן“, וואָס האָט פאַר אַ ציל אויסצוגלייכן די פאַרשפּעטיקונג פון די מלחמה־פּענסיעס לגבי די פונקציאָנאַרן־לוינען, וועלכע האָט זיך אָנגעזאַמלט פון 1962 ביז 1972 — אַן אונטערשיד פון 3 טויזנט נייע פראַנק יערלעך פאַר אַ 100 פּראָצענטיקן אינוואַליד — געפינט זיך אין טעמפּן ווינקל. דאָס זעלבע די אַרבעטס־גרופּע נוגע דעם אָפּשאַפן די פאַרקלוזיעס.

„עס איז געקומען די צייט אַ סוף צו מאַכן צו דער דאָזיקער סיטואַציע“.

### דער 30־טער יובל פון דער באַפרייאונג

דער „פּאַטריאָט רעזיסטאַן“ דערמאָנט, אַז מיר וועלן האַיאָר פייערן דעם 30־סטן יובילײ פון דער באַפרייאונג פון פראַנקרייך.

„מיר זיינען שוין אַריין אין 1974. לאָמיר וואַרפן אַ בליק אויף צוריק, אויפן אָנפאַנג 1944, ד״ה מיט דרייסיק יאָר צוריק. אַ טייל פון אונדז האָט זיך געפונען אין די לאַגערן, אַנדערע אין די תפיסות, אָדער אויפן שוועל פון אַרעסט.

„אָבער מיר האָבן געוווּסט, אַז די נאַציס ליידן אַלץ גרעסערע מפּלות, אַז דער ווילן פון די פעלקער צו מאַכן אַ סוף צום היטלעריזם איז אַזוי שטאַרק, אַז דאָס יאָר 1944 וועט עפענען די טויערן פון זיג...

„איצט דאַרפן מיר אַלץ טון, כדי אויפצוהאַלטן דעם שלום, העלפן צו רעאַליזירן די אַלגעמיינע אַנטשפּאַנונג... אַנטקעגנשטעלן אונדזערע קאָנצעפּציעס פון מענטשלעכע און געזעלשאַפטלעכע פרייהייטן, די אַלץ וואַקסנדיקע אין פאַרשידענע לענדער אויטאָריטערע טענדענצן...

„מיר וועלן אָפּגעבן כבוד דעם אָנדענק פון אונדזערע געפאַלענע חברים, מיר וועלן אויסדריקן אונדזער סאָלידאַריטעט מיט זייערע פאַמיליעס...

„די גראַנדיעזע צערעמאָניעס פון 30־סטן יובל וועלן פאַרייניקן די האָפענונגען פון לאַנד, וואָס וויל לעבן פריי, רואיק און גליקלעך מיט די לעגיטימע און מאָראַלישע ווערטן פון ווידערשטאַנד“.

<< Fonds UEVACJEA, Paris_CDJC_Mémorial de la Shoah >>

N° 144 Fevrier 1974 (4)

AVRIL 1974 - N° 145

Bimestriel

# Notre Volonté

Bulletin de l'Union des Engagés Volontaires et Anciens Combattants Juifs 1939-1945

58, rue du Château-d'Eau - PARIS-X° - Tél. : 607-49-25

**Nos meilleurs vœux de paix et de prospérité à l'Etat d'Israël à l'occasion de son 26e anniversaire**

## LA CÉRÉMONIE ANNUELLE DU SOUVENIR

en hommage à nos morts aura lieu devant notre Monument au cimetière de Bagneux

### Dimanche 26 mai 1974, à 10 h 30

Sous le haut patronage de M. André Bord, secrétaire d'Etat aux A.C. et V.G., et en présence de nombreuses personnalités civiles et militaires, avec la participation de la musique du 8e R.I.T.

Réservez-vous la date du 26 mai pour venir rendre un hommage à nos frères disparus.

LE COMITE DE PATRONAGE

**M. André BORD**, secrétaire d'Etat aux Anciens Combattants et Victimes de Guerre

**Lucien BEGOUIN**, Président de l'U.F.A.C.

**Paul MANET**, Président honoraire de l'U.F.A.C.

**H. BIALER**, Président de l'Union des Artisans Juifs.

**Jean PAUL-BONCOUR**, ancien Président du Conseil.

**Louis de BROGLIE**, Membre de l'Institut de France et de l'Académie des Sciences.

**Pierre BUGEAUD**, Président de l'Association des A.C.P.G. de Paris.

**H. BULAWKO**, Président de l'Association des Anciens Déportés Juifs.

**René CASSIN**, Président de l'Alliance Israélite Universelle, Prix Nobel de la Paix.

**Dr GOROVIT et MAFINI**, Présidents de l'U.G.E.V.R.E.

**Marc CHAGALL.**

**Me Charles LEDERMAN**, Président de l'U.J.R.E.

**LIBMAN**, Président des Engagés Volontaires Juifs de 1914-1918.

**Mme Maxa NORDAU**, Artiste-peintre.

**Me Etienne NOUVEAU**, Vice-Président de l'U.F.A.C.

**Pierre PARAF**, Président du M.R.A.P.

**Maurice PFEIFFER**, Président de l'U.D. de l'U.F.A.C. de la Seine.

**Jean PIERRE-BLOCH**, Ancien ministre, Président de la LICA.

**SADENFIS**, Président de l'USJF.

**Jean ROSENTHAL**, Président du C.R.I.F.

**André TOURNE**, Président de l'A.R.A.C.

**Pierre VILLON**, Président de l'Association Nationale des Anciens Combattants de la Résistance.

Sous le signe de la préparation du 30e anniversaire de notre Union

## Notre Assemblée Générale s'est déroulée dans une ambiance d'amitié fraternelle

Malgré les conditions défavorables, tenant à l'absence de beaucoup de nos camarades pendant cette saison printanière, la grande et belle salle de la Mairie du 9e arrondissement était bien remplie lorsque notre président, Bernard PONS, a ouvert, le dimanche 31 mars dernier, l'Assemblée générale annuelle.

Trente ans c'est toute une génération.

Cela a signifié trente années d'un labeur quotidien acharné, mais fructueux au service des anciens combattants juifs ; trente années d'une lutte commune au sein de la grande famille des anciens combattants de France pour nos revendications, d'un combat contre la renaissance du nazisme, contre l'antisémitisme sous toutes ses formes, contre le racisme et la xénophobie ; trente années d'une large activité sociale dont l'expression la plus belle est notre maison de repos à Levens. Des années d'une solidarité agissante avec l'Etat d'Israël dès les débuts de sa création

Le rapport moral de notre secrétaire général a largement développé tous ces problèmes ainsi qu'une série d'autres touchant à l'activité de l'Union après que le président ait prononcé son allocution d'ouverture et rendu hommage à nos camarades disparus.

L'attention de nos camarades est actuellement particulièrement attirée par le problème de la retraite anticipée des prisoniners de guerre et anciens combattants. Aussi, c'est avec une attention toute particulière que nos camarades ont écouté l'intervention, à ce sujet, du vice-président J. PERSTUNSKI.

Les présidents de nos sections de province : JUTTNER, de Nice-Côte d'Azur, et GLOWICZOWER, de Saint-Quentin, ont chaleureusement salué l'Assemblée générale.

Le trésorier, Léon SALAMON et, au nom de la Commission du contrôle financier, Paul GERSTNER, ont rendu compte de la gestion financière.

Notre camarade TRUMER a apporté à l'Assemblée les salutations fraternelles de l'Union départementale des A.C.P.G. de la Seine.

Ont encore pris la parole dans la discussion, les camarades ROZENCWAIG et GERSTNER.

Le projet de résolution, lu par le président d'honneur Joseph FRIDMAN, a été voté à l'unanimité.

C'est aussi à l'unanimité qu'a été élu le nouveau Comité directeur.

Après la clôture des débats, un « vin d'honneur » a été servi aux participants de cette belle Assemblée générale.

### Après la mort du Président de la République GEORGES POMPIDOU

A la suite de la disparition brutale du Président de la République, Georges Pompidou, notre Union a adressé ses condoléances émues à Madame Pompidou et à sa famille.

## 31e Anniversaire du soulèvement du Ghetto de Varsovie

Le 18 avril, il y aura 31 ans qu'une poignée d'hommes et de femmes, mal armés, épuisés par la malnutrition, le travail exténuant, les maladies et les souffrances multiples, se soulevèrent les armes à la main, contre la gigantesque force de la Wehrmacht et lui résistèrent pendant des semaines.

C'étaient les héroïques combattants du soulèvement du Ghetto de Varsovie.

En quatre ans, la population du Ghetto avait fondu d'un demi-million à près d'une trentaine de milliers. Les autres étaient morts de famine, de maladies, d'épidémies diverses. En 1942, les occupants avaient déporté près de 300 000 personnes dans les camps de la mort, où elles furent brûlées dans les chambres à gaz.

Ce furent les rescapés de ce grand massacre, eux-mêmes désignés à la déportation, qui décidèrent de vendre cher leur vie.

Ils étaient isolés du reste de la population de Varsovie par de hauts murs gardés par la troupe et la police. Ils étaient conscients de l'impossibilité pour eux de vaincre leurs adversaires. Ils savaient aussi que même ceux qui réussiraient par miracle à quitter le ghetto, pourraient difficilement se maintenir en liberté.

Mais ils défendaient, pas à pas, leurs ateliers fortifiés, les maisons bombardées par l'artillerie et l'aviation ennemie, ils sautaient d'une maison en feu à une autre, d'un étage à l'autre, tout en luttant pour prolonger la défense des caves et des bunkers souterrains.

Leur lutte héroïque constitua un exemple pour les autres combattants anti-hitlériens. Ce fut le premier soulèvement armé dans une grande ville, au cours de la Deuxième Guerre mondiale. Dix-huit mois plus tard, suivirent les soulèvements des populations de Paris et de Varsovie.

Ils inspirèrent la révolte à d'autres ghettos et même des camps de concentration.

Le soulèvement du Ghetto de Varsovie fut l'un des épisodes les plus tragiques, mais aussi des plus glorieux de la Deuxième Guerre mondiale. Les Anciens Combattants Juifs participeront aux cérémonies en hommage à ses héroïques combattants.

### Le 9 mai, à la FLAMME

La Fédération des Associations d'Anciens Combattants et Volontaires Juifs organise le jeudi 9 mai prochain, à 18 h 30, la cérémonie annuelle de la Flamme à l'Arc de Triomphe.

Notre Union appelle ses membres à venir nombreux à cette traditionnelle cérémonie patriotique.

### La campagne annuelle de Souscription

pour la forêt en Israël et au profit de nos œuvres sociales vient d'être lancée

Vous recevrez bientôt les cartes de soutien

Vous savez que les détenteurs de ces cartes participent à la

**TOMBOLA GRATUITE**

dont le tirage aura lieu le 25 juin 1974



La tribune de l'Assemblée générale pendant que l'assistance rend hommage à la mémoire de nos camarades disparus au cours de l'année.

274
5198

<< Fonds UEVACJEA, Paris_CDJC_Mémorial de la Shoah >>

# NOTRE 30e ASSEMBLÉE GÉNÉRALE

## L'allocution de B. PONS

*C'est avec un réel plaisir que j'ouvre l'Assemblée générale de ce matin. Cette assemblée doit revêtir un éclat particulièrement solennel. Elle se tient en 1974, l'année qui marquera le trentième anniversaire de notre Association fondée en 1944 dès que l'occupant hitlérien fut chassé du sol français.*

*Les trente années d'existence de notre Union, ce sont trente années de lutte pour la défense des droits des anciens combattants et victimes de guerre juifs.*

*Ce sont trente années d'intense activité dans le domaine social.*

*Ce sont des années de combat contre l'antisémitisme, le racisme et la xénophobie.*

*Ce sont des années d'efforts en faveur d'Israël à qui nous avons toujours accordé notre soutien.*

*Au cours de cette période, notre Union a gagné l'estime dans tous les milieux, aussi bien dans le monde combattant que dans l'opinion en général.*

*Certes, l'année 1973 était riche en événements.*

*Le monde combattant a développé la lutte pour le respect des lois votées et tout particulièrement en ce qui concerne celle de la retraite professionnelle anticipée en faveur des anciens combattants et victimes de guerre.*

*Notre Union, qui compte un très grand nombre de prisonniers de guerre, a suivi avec beaucoup d'intérêt l'action menée par l'ensemble des Associations d'anciens combattants du pays et s'est associée à cette importante bataille.*

*Sur la scène internationale, le point dominant a été sans aucun doute la guerre du Yom Kippour. Elle a menacé sérieusement l'existence de l'Etat d'Israël.*

*Elle a eu des répercussions d'une dimension mondiale et a mis en danger la paix universelle.*

*Inutile de souligner combien chacun de nous a été ébranlé face à cet événement d'une gravité extrême au Proche-Orient. Notre réaction fut immédiate et spontanée.*

*Nous avons exprimé nos sentiments de solidarité dès le lendemain, le 7 octobre, au cours du banquet à l'Hôtel Hilton, en proclamant notre détermination d'aider Israël matériellement et moralement.*

*Quelques jours après, comme vous le savez, nous avons lancé une campagne de souscription parmi nos adhérents. Elle obtint un important succès.*

*Les anciens combattants juifs ont ainsi fait leur devoir.*

*Nous pouvons tous être fiers de notre belle œuvre — notre Union — au développement de laquelle vous avez tous contribué efficacement.*

*Trente ans ont passé depuis sa fondation, mais notre Union est toujours jeune et dynamique.*

*Elle poursuivra l'action comme par le passé, en restant toujours au service des anciens combattants et victimes de guerre.*

## NOS PEINES

**Nous présentons nos condoléances attristées aux familles de nos camarades disparus :**

**BERCHOLC Samuel,**
**MULLER Léon,**
**NOVICE Charles,**
**SAPOJNIK Chaïm,**
**SNAJEDER Jean,**
**ZALCMAN Samuel.**

⁂

**Que notre camarade PIKORSKI Joseph, douloureusement frappé par la mort de sa femme Idessa, née HUBERMAN, trouve ici l'expression de notre entière sympathie.**

## NOUVEAUX DONS

Les personnes suivantes ont effectué dernièrement des versements pour nos œuvres sociales. Nous leur exprimons ici nos remerciements.

| | |
|---|---|
| ANGENIEUX | 200 F |
| AMEUR | 50 F |
| BENDJOIA | 100 F |
| CIULLA | 50 F |
| CHAVAILLARD | 50 F |
| DONIDO | 50 F |
| DUMOULIN | 50 F |
| FEJGIN | 100 F |
| FUKS | 150 F |
| GARCIA | 50 F |
| GOLDBERG | 50 F |
| GRANDOWICZ | 100 F |
| HIERONYMUS | 50 F |
| HINGANT | 50 F |
| Mme JAKOBI | 20 F |
| KABAI | 200 F |
| KARPIK | 2 000 F |
| KAHN | 100 F |
| KAZAN | 10 F |
| KLASNER | 100 F |
| LE PROVOST | 100 F |
| LIVER | 100 F |
| MAGNIS | 200 F |
| MONDRZAK | 50 F |
| MONTELLET | 50 F |
| PETARD | 30 F |
| ROINE | 50 F |
| SMADJA | 50 F |
| VIGNERON | 20 F |
| WEYERS | 50 F |
| BRUNEAUD | 50 F |
| CHECINSKI | 100 F |
| D'AYREUX | 100 F |
| DENISE | 50 F |
| KATZ | 100 F |
| LANGE | 200 F |
| MAGLIONE | 10 F |
| OLIVARI | 50 F |
| SZNAJDERMAN | 30 F |
| TENENBAUM | 100 F |
| TOUSCH | 50 F |
| TREPERMAN | 100 F |
| WINO | 100 F |

## HOMMAGE AUX "23"

Les Anciens Combattants et Résistants ont dignement honoré, à l'occasion du 30e anniversaire de leur mort héroïque, la mémoire des 23 partisans du groupe Manouchian-Boczow, tombés, le 22 février 1944, sous les balles nazies. Parmi eux se trouvaient 11 juifs.

Le 23 février 1974, en présence des personnalités du monde combattant français, une cérémonie commémorative a eu lieu au cimetière d'Ivry, organisée par l'U.J.E.V.R.E. et l'A.N.A.C.R.

Le 23 mars, à la salle Pleyel-Chopin, une soirée à leur honneur a été organisée. Le président de l'U.J.E.V.R.E., Maffini et le secrétaire général de l'A.N.A.C.R., Fournier-Bocquet, ont rendu hommage à l'héroïsme de ces combattants immigrés et ont glorifié la Résistance Française. Ils ont appelé à la vigilance face aux efforts de réhabilitation des vichystes, aux campagnes du racisme, de l'antisémitisme et de la xénophobie.

Un programme artistique a clôturé cette émouvante manifestation.

Notre Union a pris part à ces deux cérémonies patriotiques.

## Le rapport d'Isi BLUM (extraits)

1973 n'a pas été, pour notre Union, une année de tout repos. Notre activité dans tous les domaines s'est poursuivie au rythme habituel.

La défense des droits des anciens combattants et victimes du nazisme a occupé une place importante dans notre action. Le travail social s'est encore amplifié et notre Maison de Convalescence à Levens a connu un succès croissant.

La cérémonie annuelle du souvenir à Bagneux, s'est déroulée dignement et dans une ambiance solennelle. Notre tombola a été une réussite, de même d'ailleurs que notre bal annuel à l'Hôtel Hilton.

Durant l'année écoulée, nos bureaux ont vu passer des centaines et des centaines de camarades venus pour nous demander conseil ou pour les aider à accomplir certaines démarches concernant la pension d'invalidité, la retraite professionnelle, les indemnités allemandes, la carte du combattant, etc.

Le banquet d'octobre, qui était placé sous le signe du vingt-cinquième anniversaire de l'Etat d'Israël, a obtenu un grand succès, bien que la guerre du Kippour, déclenchée la veille, aurait pu sérieusement troubler notre fête.

Notre Union était présente dans la campagne d'aide à Israël. En versant de sa caisse dix millions d'anciens francs, en ajoutant les dix millions de la collecte et des trois millions versés au K.K.L., c'est la somme de vingt-trois millions d'anciens francs que notre Association versa durant une courte période d'une dizaine de jours.

Depuis sa fondation en 1948, nous avons salué avec enthousiasme la naissance de l'Etat d'Israël. Le rêve deux fois millénaire se réalisa.

Au cours des vingt-six années de son existence et à des occasions les plus diverses, notre Union a toujours manifesté sa sympathie et son soutien, tant matériel que moral, au jeune Etat.

Nous nous sommes toujours abstenu de prendre des positions à caractère politique. Nous avons considéré, et nous pensons toujours, que cela concernait seulement le peuple d'Israël.

Cette attitude était, et reste, la plus juste et la plus valable, compte tenu du caractère unitaire de notre Union et de la composition de ses adhérents.

Nous nous réjouissons du processus de désengagement militaire sur le front égypto-israélien et nous espérons que la conférence de Genève conduira à une paix juste et durable entre Israël et ses voisins arabes.

Avant d'aborder le sujet du trentième anniversaire et la manière dont nous concevons la célébration de cette date, il serait utile d'examiner, même ne serait-ce que sommairement, le climat dans lequel se déroule notre Assemblée générale.

Les anciens combattants sont en effervescence pour ne pas dire en colère. Malgré les promesses souvent répétées, leurs légitimes revendications ne sont pas satisfaites.

L'inflation galopante, la baisse du pouvoir d'achat qui frappent les personnes à revenus modestes, atteignent particulièrement les victimes de guerre qui n'ont pour vivre que leur maigre pension.

L'application incorrecte du rapport constant, a entraîné une importante dévaluation des pensions de guerre.

L'égalité des droits à la retraite du combattant, n'est toujours pas rétablie, il en est de même quant à la proportionnalité des pensions d'invalité inférieures à 100 %.

On attend toujours l'abrogation des forclusions en faveur des résistants et victimes du nazisme, de même qu'on attend le rétablissement du 8 mai en tant que journée nationale fériée.

Le décret d'application de la loi accordant la retraite professionnelle anticipée aux anciens combattants et prisonniers de guerre, conduit en fait à la restriction des droits prévus par la loi.

La suppression du ministère des Anciens Combattants a provoqué le mécontentement au sein de toutes les associations qui réclament avec force le rétablissement de notre ministère. Une riposte se prépare.

L'action envisagée, avec l'U.F.A.C. en tête, sera menée dans l'unité.

Nous assistons dernièrement à une campagne systématique tendant à la réhabilitation du nazisme et de la collaboration.

Les vitrines des librairies abondent de livres à la gloire de Hitler ou des Waffen S.S., de Pétain ou de Laval.

En France, d'anciens S.S. publient leurs mémoires. Une maison de disques propose les discours des leaders de Vichy.

Un Maurice Bardèche, écrivain antisémite, peut librement apparaître à la télévision, et pendant plus d'une heure, devant des millions de téléspectateurs, faire l'apologie du fascisme.

Le gouvernement français accepte le fait qu'un journaliste ne soit pas admis parmi ceux qui doivent accompagner le ministre des Affaires étrangères en Arabie Saoudite, en raison de son origine juive. Il se tait encore, quand quelques jours plus tard, les autorités saoudiennes remettent à tous les journalistes une mallette contenant des ouvrages antisémites dont « les Protocoles des Sages de Sion ».

Quant à Touvier, ancien chef régional de la milice, le juge d'instruction de Lyon a rendu, le 13 février dernier, une ordonnance par laquelle il se déclare incompétent.

Le racisme et l'antisémitisme se manifestent sous diverses formes.

Le tableau de la situation actuelle ne présente heureusement pas que des ombres.

Sur les frontières d'Israël, le bruit du canon a cédé la place aux diplomates et bien que des difficultés de tous ordres subsistent encore, le chemin de la paix est ouvert et nous sommes en droit d'espérer.

La détente internationale, la coopération entre les grandes puissances, créent un climat favorable à la paix dans le monde et ne peuvent avoir que des répercussions bénéfiques pour la paix au Proche-Orient.

Nous abordons donc l'année du trentième anniversaire de notre Union avec sérénité et espoir.

C'est en effet dès l'automne 1944, alors que l'ennemi hitlérien traqué n'était pas encore complètement chassé du territoire français, que s'est constitué notre Union, dont le gros de l'effectif afflua avec l'arrivée des prisonniers de guerre rapatriés à partir de mai 1945, après la défaite du IIIe Reich.

Trente ans nous séparent de cette date...

*Après avoir brossé le bilan de notre activité au cours des trente années de l'existence de l'U.E.V.A.C.J., notre secrétaire général dit notamment :*

Au cours de ces trente années, nous avons toujours œuvré pour que notre travail se fasse dans la plus large union. Tous les courants d'opinion sont en effet représentés dans la masse de nos adhérents. Chacun est libre d'avoir ses propres convictions et conceptions idéologiques. C'est pourquoi il nous arrive d'avoir d'après discussions pour tel ou tel problème. Mais quoi de plus naturel ?

Mais ce qui prédomine chez nous, c'est la volonté farouche de chacun de préserver l'unité forgée dans l'action et pour l'action, ceci dans l'intérêt de tous nos camarades, de tous les anciens combattants juifs.

Notre Comité, tous ses membres accomplissent leur travail avec amour, avec abnégation. Leur dévouement n'est plus à démontrer. Vous le savez d'ailleurs très bien.

Trente ans après, notre Union est debout, active et dynamique. Elle est connue dans tous les milieux de la population juive. Elle est connue et estimée par le monde ancien combattant.

Sa mission est loin d'être achevée. Tant qu'il y aura des anciens combattants et victimes de guerre, tant qu'on aura besoin de ses services dans tous les domaines, notre Union aura son rôle à jouer.

Déjà nous avons des tâches à accomplir pour la période allant jusqu'au mois de mai 1975. Nous comptons sur vous pour que ces tâches soient réalisées.

Dans deux mois, le dimanche 26 exactement, aura lieu notre cérémonie annuelle au cimetière de Bagneux, devant notre Monument, pour rendre hommage à nos camarades morts au champ d'honneur.

Il est de votre devoir d'y assister en grand nombre.

La campagne de la tombola s'étale durant les mois d'avril, mai et juin.

Le trentième anniversaire de Notre Union, coïncidant avec une grande date, celle du trentième anniversaire de la Libération de la France, nous ne manquerons pas de participer activement aux célébrations de ces dates historiques par les organisations de la résistance.

Une excursion est prévue en Israël. Une commission est chargée d'étudier ce problème et nous ne manquerons pas de vous informer en temps voulu.

Le 20 octobre prochain, nous nous réunirons à la Mutualité au cours d'un grand banquet fraternel afin de célébrer dignement et solennellement les trente années de notre existence.

Le trentième Bal annuel, le 24 décembre prochain à l'Hôtel Hilton, sera également placé sous le signe de l'anniversaire de notre Union.

En janvier 1975, nous organiserons un voyage à Levens à l'occasion du dixième anniversaire de l'ouverture de notre maison de convalescence « Les Lauriers Roses ».

Enfin, il faut prévoir dès à présent, notre participation aux grandes manifestations et célébrations qui marqueront la date du 8 mai, trente ans après l'effondrement du IIIe Reich.

La défaite hitlérienne en 1945 par les armées alliées de l'Est et de l'Ouest, a écarté pour toujours, espérons-le, le nazisme abhorré.

Le trentième anniversaire de cet événement historique sera fêté par l'humanité tout entière.



<< Fonds UEVACJEA, Paris_CDJC_Mémorial de la Shoah >>

## Le 20 avril 1974, au Palais de l'UNESCO

# LES ETATS GENERAUX du monde combattant français

### sous la présidence d'honneur de René CASSIN, Prix Nobel de la Paix

Nous donnons ici l'appel lancé par le président national de l'U.F.A.C., Lucien Begouin, à l'occasion de la convocation, à Paris, des Etats Généraux du monde combattant :

1974 sera une année de grands et émouvants ANNIVERSAIRES :

**SOIXANTIEME**

de la déclaration de guerre de 1914 et de la VICTOIRE de la MARNE

**CINQUANTE-CINQUIEME**

du vote et de la promulgation de la CHARTE des PENSIONS, du 31 mars 1919 qui proclama, en le codifiant, le caractère imprescriptibe du DROIT à REPARATION

**TRENTIEME**

de la Libération de la France en 1944.

A l'initiative de l'Union française des Associations de Combattants et de Victimes de Guerre, ces mémorables dates du passé seront solennellement commémorées.

Avec l'U.F.A.C., le Monde Combattant français gardera aussi ses regards vigilants tournés vers l'avenir, un avenir incertain qui n'apparaît pas vraiment réconfortant pour celles et ceux dont il faut bien dire que les droits essentiels, affirmés « sacrés », sont cependant de plus en plus remis en cause, méconnus ou reniés.

Il faut donc qu'à ce sujet l'opinion publique soit exactement informée et vigoureusement alertée en même temps que s'élèvera des rangs des victimes de guerre une solennelle protestation contre l'injuste et vexatoire décision transformant leur ministère en secrétariat d'Etat.

C'est pourquoi se tiendront **le samedi 20 avril prochain, les Etats généraux du Monde Combattant français au Palais de l'U.N.E.S.C.O.**, place Fontenoy, à Paris.

En présence des représentants de toutes les générations du feu confondues et vibrant à l'unisson, délégués par les groupements nationaux et les Unions départementales, les orateurs évoqueront le Souvenir et les Enseignements de ces Anniversaires puis fixeront clairement les objectifs de l'action à mener.

Ils mettront aussi en relief l'activité persévérante et efficace que, dans l'esprit de l'inoubliable **« Rencontre de Rome »**, à l'automne 1972, l'U.F.A.C. poursuit inlassablement, sur le plan international, pour l'amitié et la compréhension réciproques, c'est-à-dire, en faveur d'une paix aux fondements justes et durables.

Le 20 avril 1974, sera une impressionnante manifestation d'unité et de force faite, tout à la fois, de pieuse déférence envers le passé et d'inaltérable confiance en l'avenir.

Mettons-nous, dès à présent, activement et courageusement au travail pour la parfaite et prestigieuse réussite de ces Etats généraux du Monde Combattant français qui, grâce à la précieuse et efficace collaboration de tous, seront hauts en couleurs, pleins de signification et riches en promesses, prenant dans nos « annales » figure de date historique.

Oui, vivent les prochains Etats Généraux du Monde Combattant français.

## Principales revendications des Anciens Combattants

Le Conseil d'administration de l'UFAC s'est réuni à Paris le 23 février. Il a adopté une série d'importants textes dont nous donnons un extrait, contenant les principales revendications du monde combattant, hélas, toujours d'actualité :

**POUR UN VERITABLE REGLEMENT CONCERTE DES PROBLEMES DES ANCIENS COMBATTANTS ET VICTIMES DE GUERRE.**

**En 1972, l'UFAC lançait une campagne d'information sur la situation des anciens combattants et des victimes de guerre en regard du droit à réparation inscrit dans la loi.**

**« Au nom de la Justice et de l'Equité », l'UFAC en appelait à « l'oppinion et aux pouvoirs publics pour le règlement concerté » des points essentiels du contentieux rappelés en ces termes :**

**— « L'application correcte du rapport constant dont l'interprétation et les atteintes dont il est l'objet ont entraîné une dangereuse dévaluation des pensions de guerre ;**

**— « Le retour à l'égalité des droits à la retraite du combattant entre les diverses générations de combattants ;**

**— « La défense des droits des veuves de guerre et ascendants ;**

**— « Le retour à la proportionnalité des pensions d'invalidité inférieures à 100 % ;**

**— « La retraite professionnelle au taux plein à 60 ans aux Prisonniers de guerre et à ceux qui ont souffert des guerres ;**

**— « L'abrogation des forclusions qui frappent les résistants et victimes du nazisme ;**

**— « La reconnaissance de la qualité de combattant aux Anciens Combatttants en Algérie, Maroc, Tunisie ;**

**— « Le rétablissement du 8 mai comme journée nationale fériée.**

**« Cette énumération n'est malheureusement pas limitative et nombreuses sont les différentes catégories de victimes de guerre, résistants, internés et victimes du nazisme qui ne peuvent obtenir réparation des préjudices subis. »**

## Au cours d'une réception amicale

# le "MERITE NATIONAL" a été remis à notre trésorier Léon SALAMON

Le 5 mars dernier, dans les beaux salons de l'hôtel Prince de Gales, a eu lieu la cérémonie solennelle de remise des insignes de Chevalier du Mérite National à notre camarade Léon SALAMON, trésorier de l'Union.

Ont été présents les membres de notre Comité directeur, avec leurs épouses, ainsi que de nombreux amis personnel de Salamon.

A 18 heures commença la cérémonie officielle. Notre secrétaire général, Isi Blum, exprimant les sentiments de tous les camarades présents, félicita Salamon en ces termes :

Cette haute distinction, notre camarade Salamon l'a bien méritée et ceci à plusieurs titres.

Arrivée en France en 1935, il s'engage dans l'armée française dès 1939 pour défendre sa patrie d'adoption et la liberté menacée par l'Allemagne nazie.

Il est affecté au 21e RMVE et c'est à Barcarès qu'il apprend le métier de soldat.

Il monte au front avec son unité et le 22 juin 1940, après d'âpres combats, il est fait prisonnier. C'est au Stalag XII D et particulièrement dans le camp disciplinaire de Baumholder qu'il passe les rudes années de captivité.

Sa conduite durant les combats de 1940 fut exemplaire. En tant que prisonnier de guerre, derrière les barbelés, il gagne l'estime de tous les captifs qui le connaissent.

Dans les heures sombres où l'apathie et le désespoir faisaient des ravages dans les rangs des captifs, il apportait la parole d'encouragement et d'espérance. Il était un excellent camarade, toujours prêt à rendre service et à partager son morceau de pain avec un copain.

Mais c'est surtout après son retour d'Allemagne, et en tant que militant dirigeant au sein de notre Union qu'il a gagné, par son action inlassable, l'estime de tous nos camarades.

En le félicitant et en rendant un hommage chaleureux à son épouse Suia, qui l'a toujours encouragée dans son action sociale, je suis convaincu d'exprimer le sentiment de l'ensemble de nos camarades et amis.

Notre président, B. PONS, s'approche de Léon, ému. Il lui remet la décoration en prononçant la phrase officielle : « Au nom du président de la République, je te fais Chevalier du Mérite National. » Il lui donne l'accolade.

Puis, tous les assistants, à tour de rôle, félicitent le récipiendaire.

L'atmosphère de fraternité combattante régnait tout le long de la soirée.



## Pour une rectification du décret sur la retraite des A.C. et P.G.

Les membres du Conseil d'administration de l'U.F.A.C. réunis le samedi 23 février 1974, ayant pris connaissance du décret du 23 janvier 1974 sur la retraite professionnelle anticipée des anciens combattants et anciens prisonniers de guerre,

élèvent une solennelle protestation contre ces dispositions qui dénaturent complètement la loi du 21 novembre 1973 adoptée à l'unanimité par l'Assemblée Nationale et le Sénat.

En prévoyant une anticipation de la retraite égale à la durée des épreuves, la loi accordait, dès 1974, la retraite à 60 ans à tous ceux qui avaient accompli cinq années de service de guerre ou de captivité.

En substituant à la durée des services une procédure échelonnée par tranches d'âges, la retraite à 60 ans ne sera accordée en fait qu'en 1977 et seuls sont concernés par cette mesure en 1974 les bénéficiaires âgés de 63 à 64 ans...

Les membres du Conseil d'administration déclarent que l'U.F.A.C. s'associe pleinement tant au plan national que départemental à toutes les initiatives et à toutes les actions qui seront entreprises par les organisations d'anciens combattants et d'anciens prisonniers de guerre pour une rectification immédiate du décret du 23 janvier 1974 afin d'obtenir du gouvernement le respect absolu de la volonté du Parlement.

## L'ACTION DES P.G.

La Fédération nationale des ACPG a décidé de lancer une campagne avec le soutien des autres associations d'anciens combattants afin d'obtenir la rectification immédiate du décret du 23 janvier.

De leur côté, les présidents des associations départementales d'AC PG déclarent que les dispositions du décret **« sont incompatibles avec l'esprit de la loi ».**

**« Après le blocage de la mise à parité de la retraite du combattant, après le sabordage par le gouvernement de la proposition de loi sur l'attribution de la carte du combattant aux anciens d'Afrique du Nord ; après le naufrage des espérances d'un règlement équitable des pensions de guerre, ils constatent le sabotage de la loi sur la retraite professionnelle anticipée. »**

## Manifestation à Nancy

Cinq mille anciens combattants et prisonniers de guerre de l'Est de la France ont manifesté samedi après-midi à Nancy pour protester **« contre le sabotage des décrets d'application du 23 janvier de la loi du 24 novembre 1973 leur accordant le droit à la retraite à soixante ans ».**

Précédés par 325 porte-drapeaux d'associations d'anciens combattants, les délégués de dix départements des Ardennes, de Champagne, d'Alsace et de Lorraine ont défilé dans les rues de Nancy dans le silence le plus absolu et la plus grande dignité.

Derrière les drapeaux, de nombreux maires, ceints de leur écharpe, défilaient en tête des anciens combattants de 1914-1918, de 1939-1945 et de la guerre d'Algérie. Place Stanislas, M. Baudoin, secrétaire national de l'Association des anciens combattant et prisonniers de guerre, a dénoncé **« la mauvaise application de la loi concernant l'avancement de l'âge de la retraite des anciens prisonniers de guerre.**

## *COURRIER de LEVENS*

**Nous recevons de nombreuses lettres des personnes ayant passé leur convalescence dans notre maison de repos, à Levens.**

**Nous donnons ici des extraits de quelques-unes d'entre elles.**

« J'ai été agréablement surpris par la tenue de cet établissement et je me dois d'en féliciter son directeur pour son accueil et son attention aux convalescents et aussi l'organisation, qui est un modèle du genre ; je n'oublierai pas le personnel, qui s'est montré dévoué et attentif.

« En souvenir de ce séjour où j'ai retrouvé des camarades de la Résistance, j'adresse aux œuvres des « Lauriers Roses » un don de 100 F. »

André ANGENIEUX (Saint-Etienne).

« (...) Je n'oublie pas votre accueil et les soins dont j'ai été entouré par vous-même, monsieur le directeur, et votre personnel. Je vous remercie infiniment pour tout cela ainsi que pour les égards que vous avez prodigués à mon épouse. »

M. FUKS (Paris).

« J'ai été impressionné par votre maison de repos, ainsi que par le petit bourg sur la hauteur, avec son église du XIIe siècle, les statues colorées...

« En me promenant dans les forêts, j'ai admiré la merveilleuse nature, car y a-t-il plus belle chose que ces oliviers centenaires, la végétation si variée de ce pays au climat doux ? (...) »

FARCAS (Paris).

« (...) Croyez que je regrette beaucoup les « Lauriers Roses », son ambiance, la direction et le personnel et ce qui fait le charme de votre maison — son accueil et le temps magnifique lors de mon séjour. (...) Je vous quitte à regret avec, toujours, dans mes souvenirs, la vision des « Lauriers Roses ».

« Je joins un chèque de 100 F pour vos œuvres sociales. »

M. STEINKRITZER (Paris).

## L'UFAC demande le rétablissement du Ministère des A.C. et P.G.

**Le bureau national de l'U.F.A.C. a adressé le télégramme suivant à M. Pierre Messmer, Premier ministre :**

**« Bureau national U.F.A.C. réuni 5 mars 1974 proteste énergiquement contre suppression ministère des A.C. et V.G. et son remplacement par secrétariat d'Etat rattaché au ministère des Armées. Ressent cette mesure comme grave atteinte morale et éprouve inquiétudes quant à volonté gouvernementale régler important contentieux en cours.**

**Demande rétablissement immédiat ministère A.C. et V.G. Sentiments respectueux. Signé U.F.A.C. »**



<< Fonds UEVACJEA, Paris_CDJC_Mémorial de la Shoah >>

# Ce que vous devez savoir

## FONDS NATIONAL DE SOLIDARITE

En réponse à une question posée par le député Gaillard, le ministre de la Santé publique et de la Sécurité sociale a donné les précisions suivantes concernant l'allocation du Fonds National de Solidarité.

**« L'allocation supplémentaire du Fonds National de Solidarité a été instituée pour assurer un minimum de ressources aux personnes âgées les plus défavorisées. Cette allocation ne correspondant à aucun effort de cotisation de la part de l'allocataire, il paraît normal de tenir compte, pour l'appréciation de la condition de revenu, de tout ce que possède ou reçoit l'intéressé à un titre quelconque. Actuellement, le maximum de ressources permettant de bénéficier de cette prestation est de 6 100 F par an, pour une personne seule et de 9 600 F par an, pour un ménage. Par dérogation à la règle générale, le décret n° 64-300 du 1er avril 1964 énumère limitativement les exceptions du principe de l'universalité des ressources prises en compte. Les pensions militaires d'invalidité ne font pas partie de ces exceptions et ne peuvent donc pas être exclues du "plafond" des ressources retenues. La réglementation actuelle permet cependant de ne pas comprendre la retraite du combattant dans le montant des ressources, pour l'attribution de l'allocation supplémentaire. Les veuves de guerre bénéficient, par ailleurs, "d'un plafond" spécial qui s'élève à 12 620, 20 F depuis le 1er juillet 1973. Il est précisé que, conformément aux décisions prises par le Conseil des ministres du 26 septembre dernier, un projet de loi-cadre, en faveur des personnes âgées, est actuellement à l'étude et doit être présenté au Parlement au printemps 1974. Ce projet de loi devrait permettre de garantir aux personnes âgées un minimum de ressources selon les règles simples et uniformes. »**

(« J.O. » question n° 3955, 5 décembre 1973.)

## LES PENSIONS DES VEUVES

M. André Bord, secrétaire d'Etat aux A.C. et V.G., a publié une note d'information, où nous lisons entre autres :

Jusqu'à l'intervention de la loi de Finances pour 1974, le droit à pension des veuves de guerre était déterminé par les règles suivantes :

1. Si le mari est décédé **au cours d'événements de guerre ou des suites d'une affection imputable au service** : la pension est servie au taux dit « normal », calculée sur la base de **457,5 points d'indice.**

Elle est également versée à ce taux si le mari est décédé d'une autre affection mais à condition, dans ce cas, qu'il fût pensionné pour une invalidité d'au moins 85 %.

2. Si le mari est décédé **des suites d'une affection étrangère au service,** à la condition qu'il fût pensionné pour une invalidité comprise entre 60 % et 80 % : la pension est servie aux taux dit « de réversion », correspondant à **305 points d'indice.**

3. Enfin, dans l'un ou l'autre cas : la pension est versée au taux dit " exceptionnel " correspondant à **l'indice 610.**

a) Si la veuve est âgée d'au moins 60 ans (ou est atteinte d'une infirmité incurable, ou incapable de travailler) ;

b) Si elle n'est pas imposable à l'impôt sur le revenu.

Au cours de la discussion du budget pour 1974, le ministre des Anciens Combattants et Victimes de Guerre a proposé et fait adopter par le parlement une mesure qui apporte une amélioration considérable à ce régime en ce qui concerne les veuves âgées de 60 ans au moins.

Bien entendu, les droits antérieurs subsistent et ne sont aucunement modifiés pour toutes les veuves qui n'ont pas atteint l'âge de 60 ans ou qui, l'ayant atteint, remplissent la condition de non-assujettissement à l'impôt sur le revenu leur donnant accès à l'indice 610.

Mais, **toutes les veuves ayant atteint l'âge de 60 ans bénéficieront désormais au minimum d'une pension calculée sur l'indice 500.**

(Soit à compter du 1er janvier 1974 : 6 905 F par an.)

Le même avantage est accordé aux veuves âgées de moins de 60 ans qui sont infirmes ou atteintes d'une maladie incurable ou entraînant une incapacité permanente de travail.

**Si vous avez l'intention de partir en convalescence aux « Lauriers Roses » à Levens, il est dans votre intérêt de vous inscrire à l'avance vu le nombre de demandes qui nous parviennent de toute part.**

**Renseignements au siège de notre Union, 58, rue du Château-d'Eau, PARIS-10e. Téléphone : 607-49-26.**

### Les cartes du combattant restent valables jusqu'en 1975

Le Service de Paris de l'Office National des Anciens Combattants et Victimes de Guerre communique :

**A titre exceptionnel, demeurent valables jusqu'au 1er janvier 1975, les cartes du combattant du modèle déterminé par l'article A-142 du Code des Pensions (de couleur chamois) et ayant plus de cinq ans de date.**

**En conséquence, aucune demande de renouvellement de carte expirée n'est susceptible d'être reçue actuellement.**

## LIVRES

# L'OISEAU N'A PLUS D'AILES

C'est un livre particulier. Il est composé des lettres d'un jeune Allemand (Peter Schwiefert) demi-juif (du côté maternel), qui, révolté contre les excès antisémites des hitlériens, quitta l'Allemagne en 1938 et se rendit au Portugal. De la petite ville de Faro, il écrivit de nombreuses lettres à sa mère, qui resta à Berlin avec ses deux filles, séparée de son troisième mari allemand. Dans ces lettres, pleines de tendresse et d'amour filial, Peter demande continuellement à sa mère de quitter, elle aussi, l'Allemagne avec ses filles. La mère hésite, ne peut pas se décider ; elle exige même de Peter de revenir en Allemagne, ce qui l'amène à poser des questions de fond, de conscience. D'où l'intérêt de ces lettres.

La correspondance, interrompue pendant quelque temps à cause de l'arrestation de Peter et son expulsion du Portugal, se poursuit entre Athènes (Grèce) où se rendit Peter, et Sofia (Bulgarie) où s'installa sa mère après avoir été obligée de quitter l'Allemagne.

Dès le début de la Deuxième Guerre mondiale, Peter tenta de s'engager, comme volontaire, dans l'armée anglaise. On le lui refusa. En 1941, il s'engagea dans les Forces Françaises Libres, fit les campagnes de Syrie, de Libye, d'Afrique du Nord, d'Italie, de France jusqu'à l'Alsace. C'est de là qu'il a écrit à sa mère sa dernière lettre, c'est là qu'il est mort, atteint d'un éclat d'obus.

C'est Claude Lanzman qui a publié ces lettres bouleversantes qu'il a reçues à Jérusalem de la demi-sœur de Peter.

Nous donnons ici des extraits de deux lettres :

Faro, 20 janvier 1939

... Je voudrais maintenant te parler d'une décision très importante pour moi. J'ai la volonté ferme, inébranlable, de me convertir au judaïsme. J'y ai longtemps réfléchi. Je suis parvenu à cette conclusion que je dois le faire, pour des raisons à la fois de clarté et de propreté. Je suis Juif, je suis des vôtres et je veux aussi le signifier extérieurement (1). Je sais très bien ce que cela implique : je m'engage dans la même voie — une voie difficile — que tous les autres. De quel droit devrais-je être privilégié ? Je ne veux pas de faveur, aussi infime soit-elle. Tu sais ce que je pense et à quel point je n'ai jamais cessé de me sentir en affinité avec tout ce qui est juif. Je ne vois aucune différence et n'en reconnais aucune. La conversion est pour moi naturelle et nécessaire... Je ne veux pas m'effacer ou me laisser effacer plus longtemps. Je ne fais que remplir un devoir vis-à-vis de moi-même. Cette conversion n'est pas religieuse. Je ne connais ni la religion chrétienne ni la religion juive. Mais le judaïsme en tant que tel est la seule forme de l'existence juive et je n'ai aucune possibilité de l'attester d'une autre façon. Je ferai donc ce qui est possible.

Etrange (et j'ai dû sourire plus d'une fois) est la façon dont les Juifs réagissent à ce désir. Tous me conjurent de renoncer. Mais tous aussi pour des raisons pratiques. Du reste il m'est impossible d'accomplir ici au Portugal les formalités. J'ai parlé avec un membre de la communauté sépharade. Il revenait sans cesse sur mes raisons et me regardait comme une bête curieuse. Surtout en tant que chrétien ! « Nous n'acceptons personne », finit-il par me dire. Puis il s'éloigna en hochant la tête. Ce doit être un très bon Juif.

Il ne me restait donc qu'une chose à faire (et cela entraîne certains changements pratiques, quoique d'une autre sorte). Le 15 janvier, j'ai déposé au consulat allemand de Lisbonne une déclaration en bonne et due forme, aux termes de laquelle j'exprime mon désir de me convertir au judaïsme et d'accomplir cette démarche dès que cela sera possible. Dans cette même déclaration, j'ai demandé qu'on me considère désormais comme Juif et qu'on m'applique les lois concernant les Juifs...

(1) La circoncision.

27 novembre 1944

Maman, Bettina, Angelika, mes chéries,

Je suis blotti sous une tente au milieu d'une forêt. Ma couverture est enroulée autour de moi, j'ai froid, il pleut, c'est l'automne. La forêt est en France, quelque part sur le front de l'Ouest. Nous sommes en première ligne et en face il y a les Allemands. A deux ou trois cents mètres environ, nous les apercevons de temps en temps... Sauf quelques coups de feu intermittents et parfois le tonnerre de l'artillerie, tout est calme. Tout est calme et il pleut et j'ai froid, et je vous écris ma première lettre depuis quatre ans.

Pour cela il m'a fallu du temps, c'est vrai. Quand j'ai appris la grande nouvelle (1), quand elle s'est avérée certaine, j'ai écrit immédiatement, mais je me suis arrêté presque aussitôt. Car ce n'était pas moi, mais un autre, un étranger qui parlait. L'élan pourtant, l'élan des heures passionnées ne m'avait-il pas toujours habité...

Mais aujourd'hui l'oiseau n'a plus d'ailes. Alors j'ai voulu écrire un peu chaque jour. J'ai essayé d'être moi-même — je n'ai pas pu...

... En décembre 40, je me suis engagé pour la durée de la guerre en qualité de volontaire étranger dans les Forces Françaises Libres du général de Gaulle, cette toute petite armée à l'époque, qui aux côtés des Anglais, avait en juin, refusé l'armistice et poursuivait la guerre. Après mon admission et quelques mois encore d'attente, j'ai été envoyé à la fin de mars 1941 en Egypte où je suis devenu soldat...

J'ai donc combattu — et ce n'est pas fini — pendant plus de trois ans et demi sur tous les théâtres d'opérations : en Syrie, contre l'armée de Vichy, de mai à juillet 1941 (j'étais encore un « bleue », une jeune recrue, j'avais tout à apprendre) ; puis en Libye : de janvier à juin 1942, le désert, le sable pendant de longs mois, traversé dans tous les sens, d'un côté, de l'autre, une éternelle monotonie ; d'abord l'avance, puis la retraite, puis la défense de Tobrouk, qui se termina par l'effondrement de Bir-Hakeim. Quinze jours de résistance sur une petite surface de sable qui ne se distinguait en rien du reste du désert, dans une chaleur effroyable, presque sans nourriture, avec très peu d'eau d'abord, puis sans eau du tout, sous un bombardement incessant, qui détruisait peu à peu toute la position. Puis la retraite pendant la nuit des derniers survivants, sous le feu des Seigneurs de l'Africa-Korps ; encore une fois la Libye, et ensuite la Tunisie. D'octobre 1942 à mai 1943, toujours le désert, auquel nous étions déjà tellement habitués, avec sa chaleur de plomb, ses nuits froides sous un ciel immense, son vent, ses tempêtes de sable, sa monotonie désespérante, mais grandiose parfois ; la bataille d'El-Alamein, la percée de Montgomery, la grande offensive, continue, implacable : Tobrouk, Derna, Benghazi, Tripoli. Puis un instant de paix à proximité de Tripoli, cette ville dans les arbres, la verdure, les fermes, et notre ivresse de cette végétation, de cette luxuriance après tant d'aridité. Puis en avant encore, la ligne Mareth, encore un autre pays, des plantations d'oliviers à perte de vue, des montagnes, beaucoup de villes. Puis la bataille du Cap Bon, Tunis, Ici, une autre pause. Après quelques allées et venues, nous quittâmes la huitième armée anglaise avec laquelle nous avions fait campagne jusqu'alors, cette armée du désert dont Churchill a dit : « Si quelqu'un te demande où tu as combattu, réponds-lui : j'étais un homme de la huitième, cela suffit ! » Et alors, renforcés par de nouvelles troupes françaises, ce qui entraîna quelques changements quoique d'une autre sorte, nous restâmes pendant plusieurs mois dans un petit village à une dizaine de kilomètres de Tunis...

Puis, la campagne d'Italie, de mai à juillet de cette année, l'arrivée à Naples, la prise d'assaut de la ligne Gustave, l'enfoncement de la ligne Hitler et la grande avance jusqu'au nord de Rome, à laquelle je ne participais pas parce que j'avais été blessé, le 16 mai, au cours d'une attaque : une blessure légère, une balle dans l'épaule gauche — aucune complication, guérison complète. Je passai quelques semaines dans un hôpital de campagne américain, ce qui, à mon grand regret, m'empêcha de revoir Rome, que je connaissais et aimais tellement depuis mon voyage à travers l'Italie sur le chemin de la Grèce...

Et enfin la France : le grand événement si longtemps attendu, si ardemment désiré, la grande invasion, le débarquement, le 16 août, sur la Côte d'Azur, les combats en direction de Toulon et devant Toulon, puis la poursuite le long de la vallée du Rhône, à travers d'innombrables villes et villages de la Provence, du Lyonnais, de la Bourgogne, Aix-en-Provence, Nîmes, Saint-Etienne, Lyon, Châlon-sur-Saône ;et ensuite à nouveau, « quelque part en France », le front, attaques, contre-attaques, patrouilles, gardes de nuit, villages détruits, les forêts, la pluie, le froid, et cela continue...

Mais la fin est proche. Là devant nous, c'est l'Allemagne, elle n'est pas loin, nous y serons bientôt... Ils auront beau faire face les Boches — résister jusqu'à la dernière extrémité, réussir à nous contenir de temps en temps sur un front ou un autre, cela ne les sauvera pas ! Ils sont à bout, alors que notre force croît sans cesse. L'étang se dessèche impitoyablement — Hollande, Luxembourg, Lorraine, Alsace, les Alpes jusqu'à Menton, Memel, Prusse-Orientale, Varsovie, Tchécoslovaquie, Budapest, Yougoslavie jusqu'à la Grèce...

En quelques mois, treize capitales on été arrachées, Rome, Paris, Luxembourg, Bruxelles, Helsinki, Reval, Riga, Kovno, Bucarest, Sofia, Belgrade, Athènes et maintenant Budapest. La première grande ville alemande, Aix-la-Chapelle, est entre nos mains. Les attaques aériennes sont de jour en jour plus puissantes... Oui, ils seront écrasés, ils seront éteints, une ville après l'autre, s'il le faut : justice sera rendue. L'humanité se vengera, elle recouvrera ses droits...

(1) L'entrée de l'Armée Rouge à Sofia, le 9 septembre 1944.



<< Fonds UEVACJEA, Paris_CDJC_Mémorial de la Shoah >>

# וואָס הערט זיך אין דער קאַמבאַטאַנטן-וועלט ?

## (געלייענט אין דער פראַנצויזישער קאַמבאַטאַנטן-פּרעסע)

עס הערשט אַ גרויסע אומצופרידנקייט אין דער קאָמבאַטאַנטן־וועלט. זי איז אַ רעזולטאַט פון אַ ריי אַנטוישונגען.

מיט צוויי יאָר צוריק איז געוואָרן קאָמבאַטאַנטן־מיניסטער, ה. באַרד, וועלכער איז איינציקער פּרעזידענט פון „אופאַק" אין עלזאַס. אַלע קאָמבאַטאַנטן־אָרגאַניזאַציעס האָבן אויפגענומען די נאָמינאַציע מיט האָפענונג. די ערשטע דערקלערונגען פון מיניסטער פאַראַיאָרן און אָנפאַנג פון היינטיקן יאָר זיינען געקומען אַ ריי קלעפּ. זיינען געווען פול מיט גוטע צוזאָגן.

די שטימונגען פון אַנטוישונג ברענגט צום אויסדרוק דער „רעוועי דע קאָמבאַטאַן", מאַכנדיק אַ סך הכל פון דער רעגירונג־פּאָליטיק לגבי די קאָמבאַטאַנטן.

„מיט אַ יאָר צוריק זענען מיר געווען פול מיט האָפענונגען... די מיניסטעריאַלע קאָמוניקאַטן האָבן געגעבן אָנצוהערן, אַז עס זענען שוין גרייט אַ ריי געזעץ־פּראָיעקטן, וועלכע וועלן ווערן פאָרגעשטעלט פאַרן פּאַרלאַמענט. עס האָט אויסגעזען, אַז אַלע האָפענונגען זענען דערלויבט.

צום באַדויערן זענען דאָס בלויז געווען שאָטנס. די רעגירונג האָט געוואָלט געווונען צייט. הינטער דער דאָזיקער פּראָפּאַגאַנדע האָט מען געגרייט אַ גלאָבאַלן אָפּזאָג.

— דער בודזשעט פאַר 1974 האָט נישט געבראַכט קיין שום אויסבעסערונגען פאַר די קאָמבאַטאַנטן, געוויסע קאַטעגאָריעס אַלמנות האָבן אַפילו פאַרלוירן.

— דאָס אויסגלייכן די קאָמבאַטאַנטן־פּענסיעס אויפן סמך פון „ראַפּאָר קאָנסטאַן" איז אַוועקגעלייגט געוואָרן אין אַ זייט.

— די פּאַרקלוזיעס זענען נישט אָפּגעשאַפט געוואָרן.

— די עלטער־רענטעס פון די קאָמבאַטאַנטן פון ביידע וועלט־מלחמות זענען נישט אויסגעגליכט געוואָרן. עס איז נישט געמאַכט געוואָרן קיין שריט פאָראויס אין דער הינזיכט.

— דער דעקרעט נוגע דער עלטער־רענטע פאַר קאָמבאַטאַנטן און קריגס־געפאַנגענע אונטער 65 יאָר איז אַ פּשוטע פאַרזעעניש".

— דער מיניסטער האָט צוריקגעצויגן דעם גענעראַל־פּראָיעקט נוגע דער קאָמבאַטאַנטן־קאַרט פאַר די, וועלכע האָבן געקעמפט אין אַפריקע.

## וועלכע זיינען די ווייטערדיקע פּערספּעקטיוון ?

דער „זשורנאַל דע קאָמבאַטאַן", שטעלנדיק די דאָזיקע פראַגע, שרייבט:

„דער מיניסטאָרן־ראַט האָט באַשלאָסן, אַז אַלע מיניסטאָרן זאָלן ביז דעם 15־טן מערץ צושטעלן די אַלגעמיינע ראַמען פאַרן בודזשעט אויפן יאָר 1975.

עס איז פאַרשטענדלעך, אַז די אויפגאַבע פון פינאַנץ ־ מיניסטער ווערט באַשווערט צוליבן וווּקס פון די וועלט־פּרייזן פון די רוי־שטאָפן. דער יקרות וואַקסט כסדר.

ווי וועלן אין דער פּערספּעקטיוו אויסזען אונזערע קאָמבאַטאַנטן־פּענסיעס?

דאָס שטעלט אויפסניי אַוועק אויפן טאָג־אָרדענונג דעם גרונט־סיכסוך צווישן אונז און דעם קאָמבאַטאַנטן־מיניסטער.

דער „אופאַק" שטעלט פעסט, אַז זייט 1919 און באַזונדערס צוליב די דעקרעטן פון 1962 און 1970 זענען די מלחמה ־ פּענסיעס הינטערשטעליק לגבי די פונקציאָנאַרן־פּענסיעס, מיט וועלכע זיי דאַרפן זיין גלייך. (דער אונטערשיד באַטרעפט 23 פּראָצענט צום שאָדן פון די קאָמבאַטאַנטן — אונזער באַמערקונג). ער האָט פאָרגעשטעלט דעם מיניסטער אַ פּלאַן אין דער פאָרם פון אַ געזעץ־פּראָיעקט פון אַ שטופּנווייזער אויסגלייכונג פון די קאָמבאַטאַנטן־פּענסיעס מיט די אַנטשפּרעכנדיקע פונקציאָנאַרן־לוינען אין פאַרלויף פון פיר יאָר.

בעת אַן אויפנאַמע אין יוני 1973 האָט דער מיניסטער דערקלערט, אַז ער קאָן נישט נעמען אין באַטראַכט דעם פאָרשלאַג. דאָס איז געווען אַ גרויסע אַנטוישונג".

## דאָס אָפּשאַפן פון קאַמבאַטאַנטן-מיניסטעריום

די ידיעה וועגן אָפּשאַפן דאָס קאָמבאַטאַנטן־מיניסטעריום האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע דערשטוינונג.

דער פּרעזידענט פון „אופאַק", לוסיען בעגוען, שרייבט:

„זיי האָבן געוואַגט... וויפל פאַרביטערונג וויפל צאָרן האָט דאָס אַרויסגערופן ביי אונזערע חברים!... היינט האָט די האַק פון דער גילאָטינע זיך אַראָפּגעלאָזט... דאָס מיניסטעריום פון קאָמבאַטאַנטן, אונזער מיניסטעריום, וועגן וועלכן מען האָט אַזוי פיל גערעדט, אַז עס פאַרנעמט דאָס דריטע אָרט אין מלוכה־בודזשעט, דאָס מיניסטעריום פון 4 און אַ האַלבן מיליאָן מלחמה־קרבנות האָט נישט געפונען קיין חן אין די אויגן פון זיינע שונאים.

מיר האָבן געפילט, אַז עס דערנענטערן זיך ערנסטע געפאַרן. איצט שטייען מיר פאַר געשעענע פאַקטן. דער מאָמענט איז אַן ערנסטער. ער דאַרף אויפוועקן די ענערגיע פון אונזערע חברים אין באַוווסטזיין, אַז 1974 איז אַ יאָר פון דער לעצטער שאַנס".

## די גענעראַל־שטאַטן פון דער קאַמבאַטאַנטן-וועלט

כדי צו געבן אַ געהעריקן ענטפער אויף די אַלע אָנגריפן, האָט דער „אופאַק" באַשלאָסן צו אָרגאַניזירן דעם 20־טן אַפּריל אַ גרויסע מאַניפעסטאַציע אין „אונעסקאָ"־זאַל אונטערן נאָמען פון „די גענעראַל־שטאַטן פון דער קאָמבאַטאַנטן־וועלט".

דער „זשורנאַל דע קאָמבאַטאַן" קלערט אויף, אַז דאָס איז נישט קיין צופעליקער נאָמען און דערמאָנט דערביי אַ קאַפּיטל געשיכטע פון דער פראַנצויזישער קאָמבאַטאַנטן־באַוועגונג.

דאָס איז געווען אין 1927. פראַנקרייך האָט אַדורכגעלעבט אַן עקאָנאָמישן קריזיס. זייט 1920 האָבן זיך שוין אָנגעפאַנגען די אָנגריפן אויף די מלחמה־פּענסיעס. דער קריזיס האָט באַשווערט די לאַגע פון די מלחמה־קרבנות.

דעם 22־טן יאַנואַר 1927 איז פאָרגעקומען אַ פאַרזאַמלונג פון אַלע קאָמבאַטאַנטן־אָרגאַניזאַציעס עס איז געשאַפן געוואָרן אַן „אַקציע־קאָמיטעט". דעם 20־טן מערץ איז פאָרגעקומען אין זאַל וואַגראַם אַ מעטכיקע מאַניפעסטאַציע פון „איינהייט־פראָנט" פון די קאָמבאַטאַנטן־אָרגאַניזאַציעס. עס איז באַשלאָסן געוואָרן צונויפצורופן אַ „קאָנגרעס פון קאָנגרעסן" (ען קאָנגרע דע קאָנגרע). אין מאַי איז די לאָזונג קאָנקרעטיזירט געוואָרן. ס'איז באַשלאָסן געוואָרן צונויפצורופן אין ווערסאַיל אויפן 11־טן נאָוועמבער 1927 די „גענעראַל־שטאַטן פון פאַרווונדעטן פראַנקרייך".

דער ציל פון קאָנגרעס איז געווען צו פּראָקלאַמירן אויפסניי די רעכט פון די קאָמבאַטאַנטן אויף אַנטשעדיקונג, אויסצואַרבעטן אַן אַלגעמיינעם פּלאַן פון פאָדערונגען און אויסצוטיילן די דרינגענדיקסטע פאָדערונגען פון דער קאָמבאַטאַנטן־וועלט.

אין אָקטאָבער זענען אין דער איניציאַטיוו געווען אָנגעשלאָסן אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן רעפּרעזענטירט 2 מיט אַ האַלבן מיליאָן געוועזענע קאָמבאַטאַנטן. דעם 11־טן נאָוועמבער האָבן די דעלעגאַטן זיך פאַרזאַמלט אינדערפרי אויף עטואַל און נאָכמיטאָג אין ווערסאַיל. דער פּרעזידענט פון דער רעפּובליק, גאַסטאָן דומערג, דער פּרעמיער־מיניסטער אַנרי פּואַנקאַרע און דער קאָמבאַטאַנטן־מיניסטער, לואי מאַרען, זיינען געווען אַנוועזנד אויפן קאָנגרעס.

## קעגן דער אָפּעראַציע: „רעהאַביליטאַציע"

די צייטונגען פון די געוועזענע ווידערשטעענדלער רעאַגירן שטאַרק קעגן די אַלץ אָפטערע פּרוּוון צו רעהאַביליטירן די אַמאָליקע קאָלאַבאָראַנטן, קריגס־פאַרברעכער, אַנטיסעמיטן.

אין „פּאַטריאָט רעזיסטאַן" לייענען מיר:

„די פאַרברעכער פון נעכטן באַנוצן אַלע מעגלעכע מיטלען כדי זיך ריינצווואַשן אין די אויגן פון דער עפנטלעכער מיינונג, אָפּט מיט דער באַוווסטזיניקער אָדער אַומבאַוווסטזיניקער מיטהילף פון דער פּרעסע, ראַדיאָ טעלעוויזיע. אין פראַנקרייך פאַרעפנטלעכן אַמאָליקע ס.ס.־לייט זייערע מעמואַרן. ס'דערשיינען ביכער וואָס באַרעכטיקן די פּאָליטיק פון פּעטענען. אַ פירמע פון דיסקן רעקאָמענדירט די רעדעס פון די אָנפירנדיקע ווישי־לייט. אין אַנדערע ווערק פּרוּווט מען דיסקרעדיטירן די ווידערשטאַנד־באַוועגונג. דאָס איז אַן אמתדיקע כוואַליע..."

דער „זשורנאַל דע לאַ רעזיסטאַנס" שרייבט:

„מיר זענען שוין נישט דערשטוינט, ווען אַן אַדוואָקאַט פון נעכטיקן „אָרדר נוואָ" און היינטיקן „פּער פראַן" דערקלערט: „מיר האַלטן נישט, אַז ווערן באַצייכנט אַלס פאַשיסט איז אַ באַליידיקונג"... אָבער ווען די ראַדיאָ און טעלעוויזיע דינען אַלס טריבונע אַ סקאָרזעני אָדער דעם נאַצישן קריגס־פאַרברעכער, אַדמיראַל ראַגע, איז דאָס אַ סקאַנדאַל. אַז די טעלעוויזיע דערלויבט מאָריס באַרדעש צו מאַכן פאַר מיליאָנען צושויער אַן אַפּאָלאָגיע פון פאַשיזם — דאָס גייט שוין איבער די גרענעצן. אַז אַ פּאַריזער געריכט זאָל האַלטן פאַר נישט אין קעגנזאַץ צום געזעץ אַן אַרטיקל פון „אָרדר נוואָ", ווו ער טרעט אַרויס קעגן „אַנטיראַסיזם, די שאַרפע גאַנגרענע פון גייסט", דאָס דאַרף אַלאַרמירן".

## ווער קאָן געניסן פון דער קאַמבאַטאַנטן-רענטע ?

יעדער באַזיצער פון אַ קאָמבאַטאַנטן־קאַרט קאָן באַקומען אַ קאָמבאַטאַנטן־רענטע.

ביי 60 יאָר

1. אויב ער האָט אַ קאָמבאַטאַנטן קאַרט.
2. אויב ער האָט אַ מלחמה־פּענסיע פון מינדעסטן 50 פּראָצענט;
3. אויב ער געניסט פון „פּאָן נאַסיאָנאַל דע סאָלידאַריטע", אָדער פון אַן אַנדערע אונטערשטיצונג פאַר „עקאָנאָמיש שוואַכע" פּערזאָנען.

אַלע דריי באַדינגונגען מוזן ווערן דערפילט.

ביי 65 יאָר.

קאָן יעדער באַזיצער פון אַ קאָמבאַטאַנטן־קאַרט געניסן פון דער קאָמבאַטאַנטן־רענטע אָן שום באַדינגונגען.

די הויך פון דער דאָזיקער רענטע איז איצט 50 פראַנק יערלעך.

אַ קאָמבאַטאַנטן־רענטע אין דער הויך פון 464.97 פראַנק (פולער טאַריף) יערלעך קאָנען באַקומען געוועזענע פראָנט־קעמפער און מלחמה־קרבנות, וואָס:

1. האָבן אַ קאָמבאַטאַנטן־קאַרט;
2. אַ מלחמה־פּענסיע פון מינדעסטנס 50 פּראָצענט אָדער

2אַ. געניסן פון אַ צוגאָב־אונטערשטיצונג פון „פּאָן נאַסיאָנאַל דע סאָלידאַריטע".

## פון 1830

זיין גוואַרדיע. זיין באַדינג איז נאָר געווען, אַז זיי זאָלן נישט טראָגן קיין בערד און פּאות (פּייעס).

דאָן האָבן 350 יידישע וואָלאָנטערן אָפּגעשוירן די בערד און פּאות און אָנגעטאָן אוניפאָרמען פון דער פּוילישער נאַציאָנאַלער אויפשטאַנד־גוואַרדיע.

פיל פון זיי זיינען דערגאַנגען צום אָפיצירן־ראַנג, ווייזנדיק אַ ביישפּיל פון דיסציפּלין, העלדנמוט און גבורה.

דער ביישפּיל פון די ערשטע יידישע גוואַרדייער האָט מיטגעריסן. די אָרטאָדאָקסישע יוגנט האָט זיך געוואָנדן צו אַנטאָני אָסטראָווסקי ער זאָל זיי אויפנעמען אין דער גוואַרדיע „דערלויבנדיק אָפּצוהיטן דעם האַריקן ריטואַל", „ווייל ס'איז דאָך נישטאָ קיין שום לאָגישע פאַרבינדונג צווישן ראַזירן די באָרד און דער פאַרטיידיקונג פון פאָטערלאַנד".

זייער בקשה איז געוואָרן אַקצעפּטירט. ס'איז געשאַפן געוואָרן אַ ספּעציעלע איינהייט פון 850 יידן „מיט בערד" — „די יידישע שטאָט־גוואַרדיע". די דאָזיקע „בערדיקע" פאַרטיידיקער פון פּוילן האָבן זיך אויסגעצייכנט נישט נאָר ביים אָפּהיטן אָביעקטן (שפּיטעלער, קאַשאַרן, אַמטן), נאָר אויך ביים פאַרטיידיקן וואַרשע בשעת דעם שטורעם־אָנגריף פון דער רוסישער אַרמיי. פּוילישע צייטונגען האָבן געשריבן וועגן „דער בראַוווּר, העלדנמוט און קאַמפס־ביישפּיל פון די יידישע פרייוויליקע". דער דעמאָקראַט און הומאַניסט אַנטאָני אָסטראָווסקי האָט דאָן אויך געשריבן: „דאָס האַרץ טוט וויי זעענדיק די גבורה פון די יידישע גוואַרדיסטן, זייער קרבן פון אייגענעם לעבן פאַר פּוילנס פרייהייט. יושר פאָדערט מען זאָל וואָס גיכער איינאָרדענען דעם טייל באַפעלקערונג, וואָס איז דערנידעריקט מער פון אַלע".

אָבער נישט בלויז אויפן שלאַכט־פעלד, אויך אין הינטערלאַנד האָבן יידן געטראָגן זייער גרויסן ביישטייער. הונדערטער יידישע האַנדווערקער, שניידער, זאָטלער א"א האָבן געאַרבעט אונטער „די פּילאַרן" ביים וואַרשעווער טעאַטער, אין די זאַלן פון קאָנסערוואַטאָריום, ביי די „בערנאַדינערינס" אויף דער אויסשטאַטונג פון דער פּוילישער אויפשטאַנד־אַרמיי. די אָנפירערשאַפט פון די בתי־מדרשים האָט צוגעשטעלט 1547 פעלצן פאַר די אויפשטענדלער. די גאַנצע וואַרשעווער פּרעסע האָט וועגן די אַלע פאַקטן וואַרעם געשריבן.

די יידישע באַפעלקערונג האָט ברייט געטראָגן איר פינאַנציעלע הילף. אַ ספּעציעלע זאַמלונג פון דער קהילה האָט געבראַכט אין די ערשטע 5 טעג אַ סומע פון 40 טויזנט זלאָטעס, וואָס האָט דערלויבט אויסצוצאָלן 150 זלאָטעס פאַר דער אויסשטאַטונג פון יעדן יידישן וואָלאָנטער. פון יידישע באַשטייערונגען איז געשאַפן געוואָרן אַ ספּעציעלער לאַזאַרעט מיט פולער איינאָרדענונג.

די יידן אין וואַרשעווער אויפשטאַנד 1830 האָבן אַרויסגעגעבן פיל פאַרדינסטפולע אָפיצירן. יוזעף בערקאָוויטש (דער זון פון בערעק יאָסעלעוויטש) דערגייט צו דעם ראַנג פון שעף פון אַ קאַוואַלעריע־איינהייט (פּולק).

סיני הערניש ווערט לייטענאַנט אין אַ הוזאַרן־פּולק. אויך זיין ברודער לודוויק דערגייט צו דעם ראַנג. צו די באַרימטע יידישע אָפיצירן האָבן געהערט: לודוויק לובלינער, (מחבר פון בוך „יידישע פאַרטיידיקונג", באַלוינט מיט אַ גאָלדענעם קרייץ פאַר העלדישקייט) יוזעף אָראָנאָוויטש, קראָנענבערג, ד"ר וו. וואָלפזאָן, בלומענפעלד (אָבערלייטענאַנט פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע) ד"ר מאַקס וואָלף, יוזעפאָוויטש, האָלענדערסקי און אַנדערע.

דער נאָוועמבער־אויפשטאַנד, וואָס איז אַריין אין דער פּוילישער געשיכטע אַלס „רעוואָלוציאַ שלאַכעצקאַ" (אַדל־רעוואָלוציע) האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ מפּלה. די הויפּט־סיבה, ווי ס'ווייזן אויף היסטאָריקער, איז געווען די גלייכגילטיקייט צום שרעקלעכן גורל פון פּויערטום די הויפּט־מאַסע פון פאָלק, וואָס האָט נישט געוואָלט קעמפן פאַר אַ פאָטערלאַנד „ווו דער פּריץ וועט שמייסן מיט אַ ביטש דעם פאַנטשינע־פּויער".

נאָכן פאַלן פון אויפשטאַנד זיינען פיל פּוילישע פּאַטריאָטן אַוועק אויף עמיגראַציע, צווישן זיי פיל יידן. אין פראַנקרייך, ווו די מערהייט איז אָנגעקומען, איז אַנטשטאַנען דער פּוילישער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט.

איינער פון זיינע אָנפירער, דער באַרימטער היסטאָריקער און דעמאָקראַט יאָאַכים לעלעוועל, האָט דאָן אַרויסגעלאָזט אַ „מאַניפעסט צום יידישן פאָלק" (1832) אין דריי שפּראַכן: פּויליש, פראַנצויזיש, דייטש. ער בעט דאָרט די יידן זיי זאָלן פאַרגעסן אין די עוולות, וואָס אין פּוילן ווערן לגבי זיי באַגאַנגען, אין נאָמען פון קונפטיקן, ווירקלעך־דעמאָקראַטישן פאָטערלאַנד. ער ענדיקט מיט די ווערטער: „ס'איז נאָענט די ממשלה פון פעלקער, וועלכע וועלן ברענגען אונדז און אייך די אויסלייזונג. פּוילן וועט זיין פריי און איר וועט זיין פריי און גלייכע בירגער אין אַ פאָטערלאַנד פון ווירקלעכן יושר און פּראָגרעס". אויך דער גרעסטער פּוילישער פּאָעט, אַדאַם מיצקעוויטש, האָט דאָן פאַראייביקט דעם פּאַטריאָטיזם פון די פּוילישע יידן אין באַרימטן „קאָנצערט יאַנקלאַ" (אַ קאַפּיטל אין „פּאַן טאַדעאוש") און אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן איז ער צוגעטראָטן צו שאַפן אַ „יידישן פרייהייטס־לעגיאָן", וואָס זאָל גיבן זיין ביישטייער צום קאַמף „פאַר אייער און אונזער פרייהייט".

די יידישע וואָלאָנטערן פון נאָוועמבער־אויפשטאַנד 1830 האָבן צעטראָגן דעם רום פון יידישער גבורה און העראָאיזם. איבער אַלע לענדער פון אייראָפּע.

1) זי איז אַנטשטאַנען אין 1824. איר ערשטער דירעקטאָר איז געווען דער באַרימטער געלערנטער מאַטעמאַטיקער, דערפינדער פון רעכן־מאַשין, אברהם שטערן, מיטגליד פון דער קעניגלעכער, צאַרישער וויסנשאַפטס־אַקאַדעמיע.

2) דובנאָוו: „די נייסטע געשיכטע פון יידישן פאָלק", פאַרלאַג קולטור־ליגע, וואַרשע 1928, זייט—184.

3) „זע אונזער ווילן פון דעצעמבער 1974.

Imprimerie IM. PO., 65, rue du Fg-St-Denis, Paris (10e).

Le Directeur : I. CLEITMAN



n° 145 Avril 1974 (3)

<< Fonds UEVACJEA, Paris_CDJC_Mémorial de la Shoah >>

# 31־טער יאָרטאָג פון אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

אַדאָלף רודניצקי (אויסצוג פון עסיי „פסח“) איבערזעצונג פון לילי בערגער דערשינען אין בוך „דער וועג צום הימל“, פאַרלאַג יידיש־בוך, וואַרשע 1962.

אין צוזאַמענהאַנג מיטן 31־טן יאָרטאָג פון אויפשטאַנד פון וואַרשעווער געטאָ ברענגען מיר אַ קאַפּיטל פון עסיי „פסח“ פון באַקאַנטן יידיש־פּוילישן שרייבער אַדאָלף רודניצקי, וועלכער האָט אין די אָקופּאַציע־יאָרן זיך אויסבאַהאַלטן אויף דער אַרישער זייט פון וואַרשע.

דער מאָרד איבער די רעשטלעך פון דער באַפעלקערונג אין צוזאַמענגעדרענגטן געטאָ האָט זיך אָנגעהויבן אין דער ערשטער נאַכט פסח, וואָס די יידישע טראַדיציע האָט געקרוינט מיטן נאָמען „ליל שימורים“. מ׳איז געזעסן אין די קעלערס, באַהעלטענישן, פאַרמאַסקירטע צימערן, אין בונקערס און געוואָרט אויפן שונא. „דאָס האַרץ מיינס האָט דערוואַרט שפּאָט און שמערץ; כ׳האָב געוואַרט עמעצער זאָל מיך באַדויערן און ס׳איז נישט געווען ווער; כ׳האָב געזוכט עמעצן, וואָס זאָל מיך טרייסטן און כ׳האָב נישט געפונען. גאַל האָט מען מיר געגעבן פאַר שפּייז און עסיק צו טרינקען, ווען איך בין דורשטיק געווען“. — די דאָזיקע שפּראַך פון די אבות האָט ווידער אַמאָל אויפגעלעבט.

די קעמפער זענען אַוועק אויף די קאַמפּס ־ פּאָזיציעס. צוויי אַזייגער פאַרטאָג האָבן זשאַנדאַרן אַרומגערינגלט די מויערן פון געטאָ. אָנטרעפנדיק אויף אַ ווידערשטאַנד, האָבן די דייטשן געבראַכט האַרמאַטן. זיי האָבן זיי אויסגעשטעלט אויף קראַשינסקי־פּלאַץ פון וואַנען זיי האָבן באַשאָסן די שוויענטאָיערסקע און הינטערן קלויסטער פון הייליקן יאַן אויף די באָניפראַטן פון וואַנען זיי האָבן דאָס פייער געווענדעט אויף מוראַנאָווסקע. דעם גאַנצן אַטאַקירטן פּירעק האָבן אין געטאָ פאַרטיידיקט אַרבעטער — די באַרשטן־אַרבעטער.

די קעמפער האָבן געהאַט נאָר איין פאָטערלאַנד — זייערע פאַרשיווע געטאָ־גאַסן, אויף וועלכע דער טיפוס און הונגער האָבן געקליבן זייער שניט, גאַסן דורכגעפּעטשטע פון בלוט און פּיין, פאַרדראַטעוועטע ווי שטייגן פאַר חיות און דאָ האָבן זיי געוואָלט שטאַרבן. זיי האָבן נישט אָנגעהויבן דעם קאַמף מיטן אויסזיכט אויף אַ נצחון. זיי האָבן געהאַט איין מאַשין־ביקס, אַ ביסל אָפּגענוצטע רעוואָלווערן און אייער־גראַנאַטן, וואָס האָבן נישט אויפגעריסן. זיי האָבן דאָס געקויפט פאַר שווערע געלטער, כדי זיי זאָלן קאָנען שטאַרבן, ווי מענטשן.

אויף קראַשינסקי און די באָניפראַטן האָבן די אַרטילעריסטן אָנגעלאָדן און אויסגעשאָסן די לאָדונג אונטער אַ פריינדלעכער צושטימונג פון דעם פעבל. געוויסע פרויען האָבן מיט זייערע בליקן באַגלייט די בראַווע ס.ס.־פאַטרולן, וואָס האָבן אַרומגעשטעלט די געטאָ־מויערן. מ׳האָט געקוקט אויף דעם און ס׳האָט זיך נישט געוואָלט גלויבן. ס׳האָט צופיל ווי געטאָן.

וואָס עס באַדייט דער געטאָ־קעסל האָבן פון לאַנג שוין די געטאָ־מויערן געגעבן צו פאַרשטיין. איצט איז געקומען אַן אילוסטראַציע פון אַנדערע פאָרמולן פון א.ק.וו. „דער פיינד ווורדע אויסגעראָוכערט“. צוזאַמענגעפּרעסט אויף אַ שמאָלן, פאַרמאַכטן אָפּשניט, ווו ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די שוויענטאָיערסקע־גאַס, האָבן די אויפשטענדלער געזען ווי הונדערט מעטער ווייטער פון זיי וואַרפן דייטשן, צוזאַמען מיט שוואַרץ־געקליידעטע אוקראַאינער און לעטלענדער אַריין דורך די דורכגעשאָסענע עפענונגען אין מויער גראַנאַטן אין די קעלערס. פון צייט צו צייט איז פון דאָרט אַרויסגעקראָכן עפּעס, וואָס האָט אויסגעזען טיילמאָל ווי אַ פרוי, אַן אַנדערש מאָל ווידער, ווי אַ מאַן און איידער ס׳איז געפאַלן דער שאָס האָט עס געמאַכט עטלעכע צעקראַכענע באַוועגונגען. דער המון האָט יעדעס מאָל אויסגעצויגן די הענט אין יענער ריכטונג און אָנווייזנדיק אויסגעשריען: אָ, אָ, אָ... מ׳האָט אָנגעשטרענגט די אויגן, כדי פון דער ווייטנס צו דערזען דאָס בייזע ווונדער.

איין טאָג האָט געדויערט די רציחהדיקע פאַרברידערונג. וואַרשע האָט שטענדיק געהאַט אירע הונדערט צדיקים, כאָטש ס׳איז דעמאָלט נישט געווען קיין גערעכטיקייט, וואָס זאָל נישט קאָסטן דעם פּרייז פון לעבן. אויף צומאָרגנס האָבן די דייטשן אָפּגערייניקט פון מענטשן די אַרטילעריע־פּאָזיציעס, פאַרמאַכט דעם קראַשינסקי־פּלאַץ און אַלע גאַסן, וואָס האָבן זיך געפונען אין שכנות מיטן קאַמפּס־פּלאַץ. מען האָט געזאָגט, אַז מען האָט געשאָסן צו די דייטשן פון עפּעס אַ הויז אויף נאָוויניאַרסקע, מען האָט געזאָגט, אַז עס ווערט געמאַכט אַ פּרווו צו קומען די אויפשטענדלער מיט הילף. דער שונא האָט זיך איזאָלירט, און אַרומשטעלנדיק מיט פּאָליציאַנטן די אויסערלעכע פּאָזיציעס, איז ער לויטן קלאַסישן מעטאָד, צוגעטראָטן צו דער באַלאַגערונג פון געטאָ.

די אַרטילעריע האָט אַרויסגערופן שריפות, געזייט צעשטערונג און ווען אין די הייזער איז פאַרשוווּנדן דער לעצטער שפּור פון לעבן, איז געקומען דער סאָלדאַט: דער דייטשער סאָלדאַט ביי דער זייט פון דעם וולאַסאָוו־סאָלדאַט, דער אוקראַאינישער פאַשיסט ביי דער זייט פון פּוילישן פּאָליציאַנט. אָנווייזנדיק אויף די אויפגעשטעלטע דורך די דייטשן מויערן, האָבן די אָפיצירן געזאָגט צו די סאָלדאַטן: „די קאָמוניסטן און פּאָליאַקן האָבן זיי געהאָלפן אויפבויען די פעסטונג, וואָס איר זעט דאָ. די גאַנצע וועלט האָט צוגעשטעלט די באַנדיטן געווער. דער סאָלדאַט פון אַדאָלף היטלער איז אָבער אומדערשראָקן“.

דער וואַרשעווער בית־עולם איז אויסגעוואַקסן אין אַ פעסטונג און די זיך פאַרהאַקנדיקע ביקסן פון די באַרשטן־אַרבעטער פון דער פראַנציסקאַנער גאַס אין „געווער פון דער גאַנצער וועלט“. געוויסע פראַנצויזישע צייטונגען האָבן דעמאָלט געשריבן: „די פּאָליאַקן האָבן אונטערגעצונדן דאָס געטאָ ווי אַ נקמה־אַקט פאַר קאַטין. די דייטשן טוען וואָס זיי קאָנען, כדי צו ראַטעווען די באַפאַלענע“. אין געבעלסעס שמירעריי האָט מען צוזאַמענגעשמאָלצן און צוזאַמענגעקניפּט וואָס ס׳האָט זיך געלאָזט און ווי אַזוי ס׳האָט זיך געלאָזט. און די דייטשן האָבן געגלויבט. מיר ווייסן צומבעסטן, אַז נישט נאָר די דייטשן האָבן געגלויבט. אין יענע יאָרן האָבן מיר דערקענט דעם כוח פון פייער, אָבער נאָך געפערלעכער איז געווען דער גיפט פון וואָרט.

איזאָלירנדיק דעם שלאַכטפּלאַץ, האָט דער שונא אויך ליקווידירט דעם טראַמוואַי פון נאָוויניאַרסקע. איצט איז ער פון זשאַליבאָזש דערגאַנגען בלויז צו מוראַנאָוו און פון שטאָט ביז צום פּלאַץ קראַשינסקי. ס׳איז אויך אָפּגעשטעלט געוואָרן די באַוועגונג פון צופוס־גייער. דער וועג פון זשאָליבאָזש צום מיטלשטאָט האָט איצט געפירט דורך דער ניי־שטאָט, ווו ס׳האָט זיך געריאַעט פון פּראָצעסיעס וואָס האָבן געצויגן פון דרום אויף צפון און פון צפון אויף דרום.

...דאָס איז געווען אַ נישט געוויינלעכער ספּעקטאַקל. די איינוווינער פון די שכנותדיקע הייזער האָבן געזען ווי דאָרט, פון דער צווייטער זייט מויערן, זענען האַלב־וואַנזיניקע מענטשן אַרויסגעשפּרונגען פון די קעלערס און ווי יאַשטשערקעס האָבן זיי זיך דורכגעגאַנבעט פון שטאָק צו שטאָק, העכער און העכער. דאָס פייער איז זיי נאָכגעקראָכן, די קוילן האָבן זיי נאָכגעיאָגט, און זיי הילפסלאָזע און האָפענונגסלאָזע האָבן געזוכט אַ ווינקל, וואָס זאָל געשיצט זיין פון פייער און פון אַ זשאַנדאַרמיש אויג. ווען די פלאַמען האָבן אָנגעהויבן זיי לעקן די פיס, האָט דער מאַן איבערגעגעבן דער פרוי דאָס קינד. אַלע דריי האָבן זיך צום לעצטן מאָל צעקושט און געשפּרונגען, צוערשט די מוטער מיטן קינד און דערנאָך דער פאָטער. די פייערלעשער, וועלכע האָבן געדאַרפט וואַכן אויף די שכנותדיקע דעכער, אַז דאָס פייער זאָל זיך נישט אַריבערכאַפּן אויף דער אַרישער זייט, האָבן צוריקקומענדיק אין זייערע אומבאַדראַטע שטובן, וואָס זענען רואיק געווען ווי גערטנער אין האַלבן טאָג, דערציילט: „דאָס קליינוואַרג פליט דאָרט ווי אַרבעס און אַלטע אויך. די פרויען הייסן זיי צעשפּרייטן די פיס און שיסן“. די איינוווינער פון די שכנותדיקע הייזער האָבן געהערט דאָס קנאַקן פון מענטשלעכע ביינער, ראָס סיקן פון מענטשלעכע לייבער, וואָס מ׳האָט געוואָרפן אויף אַ שטויס: אַ שיכט האָלץ, אַ שיכט מענטשלעכע לייבער.

...דאָס געטאָ האָט געפלאַקערט. מענטשן פון דער זייט מויערן האָבן געזאָגט: „וואָס פאַראַ גליק וואָס עס איז נישטאָ קיין ווינט, ווייל אַנדערש וואָלט אונזערס אויך פאַרברענט געוואָרן“. די צוויי מעטערדיקע באָמבאַרדירער הע־111, איידער זיי זענען אַריינגעדרונגען אין קרייז פון רויך, איידער זיי האָבן אַראָפּגעוואָרפן זייערע אייער, ווי זיי האָבן דאָס אָנגערופן, האָבן רואיקע און שטיפערישע שפּאַצירט איבערן הימל, וואָס האָט געשמעקט מיט פרילינג. צווישן די מויערן זענען מענטשן אומגעקומען מיט אַן איבערצייגונג, אַז די חיהשקייט האָט דערגרייכט די לעצטע גרענעץ. און ווירקלעך, וואָס האָט שוין געקאָנט זיין ערגער?

2

און מיר?

מיר, וועלכע האָבן געלעבט אויף דער אַזוי גערופענער אַרישער זייט, ראַנגלענדיק זיך מיט טויזנטער שוועריקייטן, האָבן זיך אינערלעך געטובלט אין דער העלדישקייט פון די אויפשטענדלער. דאָס פּשוטע פאָלק, דער נידעריקסטער שיכט זיינער — די טרעגער פון מילע, די שוסטער פון וואָלינסקע, די שמאָגלערס פון די סטאַווקעס — האָט איצט אַנטפּלעקט פאַר זיינע אויבערשטע שיכטן די פּשוטע און אומבאַשטרייטבאַרע לעבנס־אמת. געשלאָגענע און פאַרמיאוסטע, פון האַס און ליגנס פאַרגליווערטע אין אַזאַ מאָס, אַז מיר האָבן שוין אַליין גערעדט צו זיך מיט אַ חיהש ברומען. מיט דער שפּראַך פון שונא — האָבן מיר אין יענע טעג געפונען אין זיך די געלייטערטקייט פון ליידן, וואָס עס ברענגט מיט זיך די ליבע און דער קאַמף, אין קעגנזאַץ צו די שלימיקע און קלעפּיקע ליידן, וואָס קומען פון פאַרביטערטקייט און פּאַסיווקייט.

# כ׳האָב צוריקגעברענגט פון דייטשלאַנד דעם טאָוול פון קאָמפּיען

שאַרל גאָלדפייל

מיר ברענגען דאָ די גבית־עדות פון שאַרל גאָלדפייל, וואָס איז געווען געדרוקט אין אונדזער יובל־בוך „דער יידישער פרייוויליקער קעמפער 39—45“, אין פראַנצויזישן טייל.

כ׳האָב געהאַט דעם כבוד צו ווערן באַשטימט, אין 1946, אויסצופירן אַ מיסיע, וועלכע איז באַשטאַנען אין צוריקברענגען קיין פראַנקרייך דעם וואָפנשטילשטאַנד־דענקמאָל פון 11־טן נאָוועמבער 1918, וועלכן די דייטשן האָבן אין 1942 פאַנאַנדערגענומען און אַוועקגעשיקט קיין דייטשלאַנד. דעם סאַלאָן־וואַגאָן פון מאַרשאַל פאָש, ווו דער וואָפנשטילשטאַנד איז אונטערגעשריבן געוואָרן האָבן זיי אויסגעשטעלט אין לוסט־גאַרטען אין בערלין און די שטיינער האָבן געזאָלט דינען אויפצושטעלן, נאָך דער מלחמה, אַ גיגאַנטישן דענקמאָל לכבוד היטלערס זיג.

ענדע יולי 1946 האָבן די רוסישע אָקופּאַציע ־ אויטאָריטעטן אין מזרח־בערלין צו וויסן געגעבן דער פראַנצויזישער רעגירונג, אַז זיי האָבן אַנטדעקט אַ גרעסערע צאָל שטיינער, וואָס שטאַמען זיכער פון אַ פראַנצויזישן מאָנומענט.

איך האָב דאַמאָלס געאַרבעט אַלס פאַרבינדונג־אָפיציר אין רעפּאַטריאַציע־אַמט. אַזוי ווי איך רעד פאַרשידענע שפּראַכן, האָט מיך דער קאָמבאַטאַנטן־מיניסטער באַשטימט אויסצופירן די מיסיע פון צוריקברענגען די שטיינער. מען האָט דאָ באַלד פאַרשטאַנען, אַז עס האַנדלט זיך אין די שטיינער פון וואָפנשטילשטאַנד־דענקמאָל 1918.

איך האָב מיך געשטעלט אין קאָנטאַקט מיטן אַרכיטעקט, וועלכער האָט אויפגעבויט דעם מאָנומענט. ער האָט מיר געגעבן די נויטיקע אויפקלערונגען. איך האָב באַקומען 8 קאַמיאָנען און אַ לייכטן וואָגן מיט אַ שאָפער, כדי צו קענען אַדורכפירן מיין מיסיע.

אָנפאַנג אויגוסט האָב איך מיך געלאָזט אין וועג אַריין אין דער באַגלייטונג פון ה׳ זשעי דעלעגאַט פון די קאָמבאַטאַנטן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה און אַ דעלעגאַט פון דער פעדעראַציע פון די געוועזענע דעפּאָרטירטע. די רעגירונג האָט זיך געוווּנטשן, אַז די שטיינער זאָלן זיין אין קאָמפּיען דעם 16־טן אויגוסט, ווען עס האָט דאָרט געזאָלט פאָרקומען אַ גרויסער צוזאַמענקונפט פון קריגס־געפאַנגענע, דעפּאָרטירטע און אינטערנירטע. דער מאָנומענט האָט געזאָלט צוריק ווערן אַוועקגעשטעלט פאַר די פייערונגען פון 11־טן נאָוועמבער 1946.

מיין מיסיע האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס אַ שווערע. מען האָט געדאַרפט אַדורכמאַכן ווי אַמשנעלסטן 3000 קילאָמעטער. מיר זענען געפאָרן טאָג און נאַכט. די שאָפערן האָבן זיך כסדר געטוישט. מען האָט געדאַרפט אַדורכשניידן פיר אָקופּאַציע־זאָנעס, פאָרנדיק מיט אומבאַקאַנטע, אָפט צעשטערטע וועגן, וואָס האָט אונז געצוווּנגען צו מאַכן לאַנגע אומקרייזונגען.

נאָך צוויי טעג און נעכט האָב איך דערזען די הויפּט ־ שטאָט בערלין, אין אַ גרויסן טייל צעשטערט, די גאַסן צעשניטן מיט צערואינירטע הייזער. אַן אָנגעוואָרף פון ציגל, ווו עס האָט זיך געפילט נויט ,הונגער און דער גערויך פון טויטע קערפּערס.

באַלד נאָכן אָנקומען האָב איך מיך געשטעלט אין קאָנטאַקט מיטן קאָלאָנעל א. פּעטי, פון דער פראַנצויזישער אָקופּאַציע־מאַכט וועלכער האָט מיך פאַרבונדן מיטן רוסישן גענעראַל־שטאַב פון מזרח־בערלין, ווו איך האָב אויפגעקלערט די באַדייטונג פון מיין מיסיע פאַר דער פראַנצויזישער רעגירונג.

דער רוסישער קאָמענדאַנט פון גרויס־בערלין האָט געשטעלט צו מיין דיספּאָזיציע דעם קאָלאָנעל מילאָוואַנאָף, צוויי קאַפּיטאַנען און אַ לייטענאַנט. דער בירגערמייסטער פון גרויס־בערלין האָט באַקומען אַ פאַראָרדענונג צוצושטעלן די נויטיקע אַרבעטער.

אין דער באַגלייטונג פון קאָלאָנעל פּעטי זענען מיר אַלע באַלד אַוועקגעפאָרן אין די מאַגאַזינען פון דער פירמע זידלער און ווימער אויף דער מילענשטראַסע. באַלד זענען אָנגעקומען 50 דייטשן און די אַרבעט האָט זיך אָנגעהויבן.

דאָס איז געווען אַ זייער שווערע אַרבעט. מען האָט געמוזט איבערלייגן פון איין אָרט אויפן צווייטן שווערע שטיינער־בלאָקן, וואָס האָבן געוויגן הונדערטער קילאָס. 100 אַרבעטער מיט צוויי דייטשע אינזשיניערן האָבן אַזוי געאַרבעט פון 7 אַזייגער פרי ביז 9 אָוונט.

נאָכן איבערוואַרפן הונדערטער שטיינער, האָבן מיר באַמערקט איינעם, וואָס האָט געקאָנט געהערן צום מאָנומענט, וועלכן מיר האָבן געזוכט. מיר האָבן אים גענוי אַרומגעקוקט פון אַלע זייטן און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז אַ טייל פון מאָנומענט. מיר האָבן געגעבן די אַרבעטער צוגאָב־פּאַרציעס און די אַרבעט איז פאַרשנעלערט געוואָרן.

איינע נאָכן אַנדערן האָבן קאַמיאָנען אָנגעלאָדענע מיט שטיינער, אָנגעהויבן צו פאַרלאָזן בערלין. די אַרבעט איז פאַרענדיקט געוואָרן צו דער צייט.

דער קאָלאָנעל מילאָוואַנאָף האָט מיר דערציילט, ווי אַזוי די שטיינער זענען אַנטדעקט געוואָרן. אַ דייטשקע, וואָס האָט יאָרנלאַנג געאַרבעט אין דער אויבן־דערמאָנטער פירמע, האָט אין 1942 באַמערקט, אַז עס זענען אָנגעקומען פון פראַנקרייך קאַמיאָנען מיט גרויסע שטיינער־בלאָקן מיט אויסגעקריצטע אויפשריפטן. די דירעקציע פון דער פירמע האָט זיך באַמיט די דאָזיקע העכסט־וואַרשיינלעך ווערטפולע שטיינער צו באַהאַלטן, פאַרדעקנדיק זיי מיט אַ באַרג אַנדערע, נישט־וויכטיקע.

זי האָט דאָס דערציילט אַ רוסישן אָפיציר. די רוסישע אָקופּאַציע־מאַכט האָט נישט געוווּסט וועגן וואָס פאַר אַן אוצר עס האַנדלט זיך. זי האָט יעדנפאַלס וועגן דעם געמאָלדן דער פראַנצויזישער אָקופּאַציע־מאַכט.

מיינע ווייטערדיקע זוכונגען האָבן מיר דערלויבט צו געפינען אין צאָסען, 80 קילאָמעטער פון בערלין ,דעם אָדלער און דעם שטאַנדאַר פון מאָנומענט. אַלץ איז אָפּגעשיקט געוואָרן קיין קאָמפּיען.

איך האָב בלויז נישט געפונען לוקסוס־וואַגאָן פון מאַרשאַל פאָש, ווו די דייטשן האָבן אין 1918, אונטערגעשריבן דעם קאַפּיטולאַציע־אַקט.

לויט מיין מיינונג זענען פאַראַן צוויי מעגלעכקייטן. די ערשטע — די רוסן האָבן אים צוזאַמען מיט אַנדערע לוקסוס־וואַגאָנען, ווי למשל, דער וואַגאָן פון קיסר ווילהעלם און אַנדערע, אַוועקגעפירט קיין רוסלאַנד. די צווייטע — ער איז פאַרניכטעט געוואָרן בעת אַ באָמבאַרדירונג. לויט מיין מיינונג איז די ערשטע היפּאָטעזע אַ וואַרשיינלעכע

דעם 11־טן נאָוועמבער 1946 איז צוריק אַלץ געווען אויפן אָרט. די געוועזענע קאָמבאַטאַנטן, וואָס האָבן דעם דאָזיקן טאָג בייגעוווינט די פייערלעכקייטן אין קאָמפּיען, האָבן געקאָנט אויפסניי באַוווּנדערן דעם מאָנומענט, וואָס וועט בלייבן אַ סימבאָל פון די זיגן פון פראַנקרייך און פון שלום.



N° 145 Avril 1974 (4)

<< Fonds UEVACJEA, Paris_CDJC_Mémorial de la Shoah >>

JUIN 1974 - N° 146 Bimestriel

# Notre Volonté

Bulletin de l'Union des Engagés Volontaires et Anciens Combattants Juifs 1939-1945

58, rue du Château-d'Eau - PARIS-X° - Tél. : 607-49-26

## Le dimanche 26 mai, au cimetière de Bagneux
# Emouvante Cérémonie du Souvenir
## en hommage aux combattants volontaires juifs
# morts pour la France

Comme chaque année, une foule nombreuse se rassembla, le dimanche 26 mai dernier à 10 heures, au cimetière de Bagneux-Parisien, pour rendre hommage à la mémoire de nos camarades tombés au champ d'honneur au cours de la Deuxième Guerre mondiale.

A côté des Anciens Combattants Volontaires Juifs se trouvaient les familles de nos camarades morts aux champs de bataille et de nombreuses délégations d'organisations d'A.C. avec leurs drapeaux et les représentants des associations juives.

La cérémonie, placée sous le patronage du Secrétariat d'Etat aux Anciens Combattants, eut lieu en présence de nombreuses personnalités civiles et militaires, notamment :

Le colonel Freisse, représentant du gouverneur de Paris : le vice-président du Conseil de Paris, M. Biscarre ; Ginoux, député-maire de Montrouge ; le colonel l'Hospitalier ; M. Steg, de la L.I.C.A. ; Maffini et le docteur Gorovit, président de l'U.G.E.V.R.E. ; Glasberg et Sofer, représentant la Fédération des Anciens Combattants Volontaires Juifs des deux guerres mondiales ; Zylberberg et Gurfinkel, de notre section de Saint-Quentin ; Galili, de l'Union des Juifs pour la Résistance et l'Entraide ; etc.

C'est à 10 heures que se forma le cortège ; en rangs serrés, nous nous sommes rendus au monument érigé à la mémoire de nos héros. Les personnalités présentes et les familles de nos morts prirent place à la tribune.

C'est pourquoi nous adjurons les plus hautes autorités de l'Etat de matérialiser dans les faits le DROIT A REPARATION reconnu par la CHARTRE des PENSIONS du 31 mars 1919, droit imprescriptible dont l'application imparfaite, a créé des injustices insupportables ouvrant un contentieux dont nous avons souvent demandé, en vain, qu'il soit résorbé.

C'est pourquoi aussi, afin de mettre un terme à la situation actuelle, décevante, nous adjurons le Gouvernement et le Parlement d'en régler les points essentiels, dès le budget de 1975, par la prise en considération, d'une part, et l'adoption, d'autre part, du PLAN QUADRIENNAL DE LEGISLATURE élaboré par l'U.F.A.C., ce plan répondant aux besoins prioritaires de l'ensemble des victimes de guerre dont le sort s'en trouverait amélioré immédiatement.

Combattants et Victimes de guerres de 14-18, de 39-45, d'Afrique du Nord et autres conflits, toutes générations fraternellement unies, rassemblés sans souci d'origines, de classes, de croyance, de philosophie, d'opinons, certains d'exprimer les sentiments ressentis par plus de 4 500 000 victimes de guerre.

Nous faisons le serment de défendre, sans esprit partisan, contre tous les empiètements, ce grand principe du droit à réparation qui doit assurer les bases solides de l'indemnisation aux victimes de guerre.

Nous faisons le serment d'agir avec détermination pour faire respecter la déclaration solennelle proclamant la reconnaissance de la République envers ceux qui ont assuré le salut de la PATRIE.

⁂

Nos groupements ont enrichi le patrimoine médico-social du pays par la création d'établissements de cure, de repos, de formation professionnelle, de dispensaires et pratiqué la solidarité humaine, dont nous avions acquis le sens dans l'épreuve, en aidant les familles de nos camarades décédés et ceux d'entre eux qui souffrent des séquelles de la guerre.

Ils ont apporté un soutien efficace à l'œuvre admirable réalisée par l'Office National des Anciens Combattants et Victimes de Guerre.

Les Anciens Combattants ne cessent de travailler à la construction d'un monde d'où la violence sous toutes ses formes sera exclue et au rapprochement des peuples.

Ils agissent avec leurs camarades d'autres pays en faveur du désarmement général, progressif, simultané et contrôlé.

Ils organisent et encouragent des rencontrent de jeunes français avec des jeunes d'autres pays.

⁂

De ces Etats généraux du Monde Combattant Français s'élève le souhait ardent que tous les Combattants et Victimes de Guerre du monde s'unissent, dans l'esprit de l'Appel de ROME, pour le respect par tous les Etats de la Charte des Nations Unies qui proclament les droits de l'homme, sa sécurité, sa dignité.

De ces Etats Généraux part un grand souffle de confiance et d'espoir en l'avènement d'un monde plus heureux, plus juste, plus fraternel.

PARIS, le 5 octobre 1974

## Après la condamnation de BEATE KLARSFELD par un tribunal ouest-allemand

Au mois de juillet dernier, à la suite du procès et de la condamnation par la justice ouest-allemande de Beate Klarsfeld, qui lutte courageusement pour obtenir la condamnation des criminels de guerre nazis en liberté, notre Union a envoyé à l'Ambassade de l'Alemagne Fédérale et publié dans la presse deux protestations, que nous publions ici :

**L'Union des Engagés Volontaires et Anciens Combattants Juifs, proteste avec véhémence contre le procès de Madame Beate Klarsfeld qui se déroule actuellement à Cologne.**

**Au banc des accusés se trouve, non pas un criminel de guerre, mais une femme courageuse dont le seul tort est de faire la chasse aux bourreaux nazis, responsables de l'extermination des centaines de milliers de juifs.**

**L'Union des Engagés Volontaires et Anciens Combattants Juifs demande l'acquittement immédiat de Mme Beate Klarsfeld.**

**Elle demande en outre que l'Allemagne Fédérale ratifie enfin la Convention de Février 1971, relative au jugement des criminels de guerre (3-7-1974).**

⁂

**L'UNION DES ENGAGES VOLONTAIRES ET ANCIENS COMBATTANTS JUIFS, 58, rue du Château d'Eau - Paris 10ᵉ, proteste contre le verdict scandaleux de Cologne condamnant à deux mois de prison ferme Mme Beate Klarsfeld .**

**Elle s'associe à la manifestation organisée par la LICA ce soir à 18 h 30 devant l'Ambassade d'Allemagne Fédérale, 13, av. Franklin Roosevelt à Paris, et appelle ses adhérents à y participer massivement. »**

**10.7.1974.**

## Un budget de reconduction

Nous donnons ici des extraits d'un article paru dans le « Journal des Combattants » du samedi 12 octobre 1974 :

Le projet de loi de finances pour 1975, a été communiqué aux parlementaires et il va bientôt être examiné par les assemblées.

On y trouvera inclus les crédits nécessaires à financer les majorations prévues pour maintenir l'équilibre entre les pensions de guerre et les actuels traitements de la fonction publique. Mais on n'y trouvera pas la moindre mesure destinée à « amorcer » la revalorisation réclamée depuis tant d'années — et avec raison — pour compenser les atteintes portées il y a douze ans à ce rapport constant qui avait été créé en 1951.

Le total du projet de budget prévu pour 1975 atteint 9.532.987.884 francs contre 8.257.665.061 francs en 1974, soit une augmentation d'environ 14 %. Cette augmentation a pour objet de compenser non seulement la majoration du taux d'indice des pensions, mais aussi celle des dépenses générales du ministère (personnel, charges sociales, matériel, travaux d'entretien, etc...).

Les pensions de guerre demeurent donc dévalorisées d'environ 21,5 %.

# Contre la recrudescence de l'antisémitisme
## Un communiqué du C.R.I.F.

« Les Juifs au four crématoire », « Juifs dehors ». Ces inscriptions et autres graffiti de ce genre apparaissent toujours plus fréquemment sur les murs des maisons à Paris. Le Mémorial des victimes du nazisme à Paris a été profané, de même que la crypte près de Notre-Dame de Paris, ainsi que la plaque commémorative de la rafle du 16 juillet 1974, qui a été souillée de la croix gammée à plusieurs reprises cette année. Des pierres tombales ont été saccagées dans les cimetières juifs en Alsace. Nous pourrions multiplier les exemples.

Cette campagne d'antisémitisme qui va de pair avec la recrudescence des activités des organisations néofascistes en France et dans d'autres pays inquiètent la communauté juive.

Le « CRIF » a, au mois d'août dernier, exprimé cette inquiétude dans un communiqué, dont nous citons ici de larges extraits :

**« Les pouvoirs publics, ont été alertées par nos soins ; ils connaissent le climat d'antisémitisme que l'on tente de faire actuellement régner en France.**

**» Profanation de deux cimetières juifs en Alsace ; volonté concertée de réhabilitation de théories nazies (brochures, livres, films) ; inscriptions d'un antisémitisme virulent tant à Paris qu'en banlieue et en province dans les quartiers à importante concentration juive ; récent communiqué de l'Organisation de libération de la Palestine, qui dépasse nettement le conflit du Proche-Orient et qui comporte des termes risquant d'aggraver le climat d'antisémitisme et de violence, etc...**

**» Ils savent bien que ce ne sont pas les juifs qui ont les vingt-cinq enfants assassinés à Maalot ; ils savent bien que ce ne sont pas les juifs qui ont commis le crime de Munich . ils savent bien que ce ne sont pas les juifs qui ont détourné des avions pour y mettre le feu ensuite ; mais ils n'en reste pas moins que l'atmosphère lourde de provocations et d'antisémitisme larvé que font régner ces groupuscules inquiète cette partie de la communauté nationale qui est constituée par les juifs de France. (...)**

**» Il serait souhaitable que la France partage notre indignation et montre qu'elle réprouve ces appels à la haine et ce climat de terreur que notre pays n'a jamais accepté, sinon sous le joug de l'occupation ennemie. »**



<< Fonds UEVACJEA, Paris_CDJC_Mémorial de la Shoah >>

# Ce que vous devez savoir

## Rachat des cotisations de l'Assurance Vieillesse

### Nouveau délai jusqu'au 30 juin 1979

Du 30 mai 1974 au **30 juin 1979** une nouvelle période de **rachat de cotisations au titre de l'assurance vieillesse** est ouverte aux travailleurs salariés ou assimilés qui avaient été exclus du régime général, pendant tout ou partie de la période comprise entre le 1re juillet 1930 et leur date d'assujettissement au régime général.

La précédente période de rachat, prévue par la loi N° 62-789 du 13 juillet 1963 complétée par son décret d'application, avait été close le 31 décembre 1972.

Pour les personnes dont l'affiliation à l'assurance a été (ou sera) rendue obligatoire, la demande de rachat devra être présentée dans le délai de 6 mois à compter de la date d'effet de leur immatriculation (toutefois ce délai ne peut venir à expiration avant le 30 juin 1979).

Les **salaires forfaitaires constituant l'assiette des cotisations** dues par les personnes admises à faire les versements de rachats seront fixés par arrêté.

Le montant des cotisations est fixé à :

— 9 % des salaires forfaitaires pour les périodes antérieures au 1er octobre 1967 :

— 8,5 % des salaires forfaitaires pour les périodes comprises entre le 1er octobre 1970 et le 31 décembre 1973 :

— 10,25 % des salaires forfaitaires à compter du 1er janvier 1974.

Ce nouveau délai est également ouvert pour la validation, dans le cadre du régime général, de certaines périodes d'activité salariée exercée en **Algérie.**

Les demandes de rachat doivent être adressées :

— en règle générale, à la Caisse Régionale d'Assurance Maladie dans la circonscription de laquelle se trouve le dernier lieu de travail des intéressés :

— pour la région parisienne, à la Caisse Nationale d'Assurance Vieillesse, 110, rue de Flandre, Paris-19e.

∴

Une permanence relative aux questions de l'assurance vieillesse fonctionne dans nos bureaux tous les mercredis de 15 à 18 heures.

Nos adhérents pourront y trouver les explications nécessaires concernant le nouveau décret.

Prière de téléphoner pour fixer un rendez-vous.

## Etrangers naturalisés combattants volontaires dans les armées alliées

Sur la question de M. Medecin, député, le ministre des A.C.V.G. a rappelé les distinctions à faire entre les divers régimes de pensions qui peuvent être accordés aux étrangers combattants volontaires, soit qu'ils se soient engagés dans l'Armée Française (ou dans la Résistance) soit qu'ils se soient engagés dans une autre armée alliée.

REPONSE : Les dispositions du code des pensions militaires d'invalidité et des victimes de la guerre sont,, le cas échéant, applicables, sans distinction de nationalité, aux militaires incorporés dans l'armée française ou ayant appartenu aux organisations françaises de Résistance. En revanche, l'indemnisation des étrangers, même naturalisés français après le fait dommageable, qui ont combattu dans les armées alliées, relève des attributions du Gouvernement dont dépendait l'armée dans laquelle ces étrangers servaient, à l'exception toutefois des militaires ayant appartenu aux unités polonaises et tchécoslovaques constituées en France au cours de la guerre 1939-1945, lesquelles bénéficient de la législation française en vertu des accords de réciprocité conclus le 11 février 1947 entre la France et la Pologne, et le 1er décembre 1947 entre la France et la Tchécoslovaquie.

## Aveugles de la Résistance

**M. Allainmat, député, avait demandé à M. le ministre des A.C. et V.G. pourquoi le ministère refuse la qualité d'aveugle de la Résistance aux personnes atteintes de cécité quelques années après la fin de la guerre 1939-1945.**

**Le ministre a répondu par le « J. O. » du 16-2-1974, page 734, que seules les personnes déjà atteintes de cécité avant leur participation à la Résistance ont droit à l'allocation spéciale.**

**Cependant, les anciens résistants devenus aveugles dont la cécité est imputable à leur action dans la Résistance peuvent obtenir une pension militaire d'invalidité.**

## LES NUMEROS GAGNANTS DE NOTRE TOMBOLA

Le tirage de notre tombola a eu lieu le 25 juin dernier.
Nous donnons ici la liste des numéros gagnants :

**06.033 Un voyage en Israël.**
**00.286 Un voyage à Nice.**
**01.982 Un voyage à Nice.**
**06.101 Un voyage à Nice.**
**14.042 Un voyage à Nice.**
**18.548 Un voyage à Nice.**
**02.187 Un téléviseur.**
**05.148 Un magnétophone.**
**07.754 Un électrophone.**
**12.876 Un électrophone.**

**Les numéros 01.951 - 04.302 11.885 - 13.905 - 19.913 gagnent un transistor.**

**Les numéros 06.655 - 07.753 - 10.648 - 13.120 - 17.470 gagnent un rasoir électrique.**

**Les numéros 01.848 - 07.314 - 08.532 gagnent un moulin à café.**

**Les numéros 00.780 - 02.192 - 03.083 - 05.869 - 09.657 - 10.346 - 11.448 - 11.817 - 16.076 - 17.747 gagnent une montre.**

**Les numéros 02.444 - 02.664 - 11.371 - 14.212 - 14.829 gagnent un briquet.**

**Les numéros 01.137 - 06.652 - 08.692 - 15.715 - 17.414 gagnent un service de table.**

**Les numéros 07.853 - 09.276 - 12.579 - 13.118 gagnent un service à thé.**

**Les numéros 02.682 - 03.601 - 05.560 - 14.109 - 18.433 gagnent une parure de lit.**

**Les numéros se terminant par 339 gagnent un disque de musique classique.**

**Les numéros se terminant par 975 gagnent un livre.**

## Nos peines

**Nous exprimons nos condoléances attristées aux familles de nos camarades décédés :**
**HOCHMAN Zeldan,**
**KOMISAROW Paul,**
**BOLOTINSKI Simon-Jean,**
**VERNIER Ladislas.**

∴

**Nous présentons nos condoléances les plus sincères à nos camarades Goldman, Iglarz, Mandelblit et Szlamowicz durement frappés par la mort de leurs épouses.**

## "Les Lauriers Roses"

**Notre maison de repos à Levens est connue et appréciée non seulement de notre communauté, mais aussi parmi les anciens combattants d'autres organisations.**

**Nous donnons ici un poème qui a été publié dans le numéro d'avril 1974 dans le journal « Regain », organe mensuel de l'Union des Amicales de Combattants et Prisonniers de Guerre, des Combattants d'Algérie, Tunisie, Maroc de la Région de Paris :**

### La Soirée d'un pensionnaire aux «Lauriers Roses»

C'est à mon tour, ce soir, par des propos flatteurs,
Qu'avec ardeur, je ferai parler mon cœur.
Je vais demain quitter « Levens »
Où j'ai passé ma convalescence.
On peut dire que j'ai eu de la chance
De vivre ce temps dans cette ambiance.
Tout est là pour vous plaire,
Impossible de se soustraire à cette chaleur intime.
Sans oublier les délices de la cuisine,
Si bonne, si fine :
Brave Mère nourricière,
Grâce à vous, nous ne sommes pas moroses.
Et pendant la fameuse « pause »
En fermant les yeux, on rêve à de belles choses.
Et l'on voit la vie en rose.
Ceci sans vous émouvoir,
Car la vie n'est qu'une suite d'espoir.
Chers amis, vous pouvez me croire,
Tel pour un père, tel pour une mère,
Je me souviendrai longtemps
De mon passage aux « Lauriers Roses ».
Merci au si dévoué Directeur et à sa charmante épouse,
Merci à tout le Personnel de la maison, si aimable, si serviable,
Merci, Chers Amis, de votre sympathique compagnie.
Bonsoir, bonne santé, et vive les « Lauriers Roses ».

J. FLATTER,

Ex-P.G. au Stalag XIII B de l'Amicale du Xe arrondissement.
Fait à Levens, le 28-2-74.

## NOUVEAUX DONS

Les personnes suivantes ont effectué dernièrement des versements pour nos œuvres sociales.

Nous leur exprimons ici nos remerciements.

| | |
|---|---|
| **Mme JABLONKA** | **50 F** |
| **LEDER** | **100 F** |
| **LEVI Salomon** | **1 000 F** |
| **MERFISZ** | **100 F** |
| **MYDLARZ** | **50 F** |
| **TEVET** | **700 F** |
| **BRECHER** | **100 F** |
| **FLATTER** | **50 F** |
| **LACHIA** | **100 F** |
| **PIKORSKI** | **30 F** |
| **POPER** | **50 F** |
| **QUERON** | **50 F** |
| **ROTBARD** | **200 F** |
| **ROZEN** | **50 F** |
| **BAROUH** | **100 F** |
| **BORENSZTEIN** | **100 F** |
| **DRAJER** | **50 F** |
| **FLATTER** | **100 F** |
| **FINKELSZTAJN** | **150 F** |
| **GUIRCHOUN** | **50 F** |
| **KANAR** | **50 F** |
| **LAFORET** | **44 F** |
| **LIVER** | **150 F** |
| **MALVAUX** | **70 F** |
| **MARTINEZ** | **50 F** |
| **PIERINI** | **50 F** |
| **PERKAL** | **50 F** |
| **SEMELIER** | **300 F** |
| **SHAPIRO** | **100 F** |
| **SZNURMAN** | **60 F** |
| **TAITZ** | **50 F** |

**Si vous avez l'intention de partir en convalescence aux « Lauriers Roses » à Levens, il est dans votre intérêt de vous inscrire à l'avance vu le nombre de demandes qui nous parviennent de toute part.**

**Renseignements au siège de notre Union, 58, rue du Château-d'Eau, 75010 PARIS. Téléphone : 607-49-26.**

## Au Parlement Européen Vote unanime pour l'extradition de Klaus Barbie

A l'ouverture de sa session d'octobre, le Parlement européen a discuté en priorité d'une proposition de résolution adoptée à l'unanimité par sa commission juridique et demandant au Conseil des ministres, à la commission des Communautés européennes, aux gouvernements et parlements des Etats intéressés que des mesures soient immédiatement prises pour obtenir l'extradition du criminel de guerre Klaus Barbie, ancien chef de la Gestapo de Lyon, actuellement réfugié en Bolivie ou au Paraguay.

Cette proposition a été adoptée à l'unanimité par tous les groupes politiques du Parlement européen, après que chacun le leurs représentants eut manifesté son accord.

## NOS VŒUX

**Nous exprimons nos souhaits de joie et de bonheur à notre camarade GARBARZ Aron à l'occasion de la naissance de son petit-fils Jérémie-Benjamin.**

∴

**Nous présentons nos meilleures félicitations à notre camarade Uriewicz Joseph et Madame à l'occasion de la naissance de leur petit-fils Boris.**

∴

**Meilleurs vœux à notre camarade Pietruszka David à l'occasion de la naissance de sa petite-fille Stéphanie.**

∴

**Félicitations sincères à notre camarade Akerberg Léon et Madame à l'occasion du mariage de leur fille Michèle avec Monsieur Gérard Rinsveldt.**

∴

**Félicitations cordiales à notre camarade SZULMAN Szlama et Madame à l'occasion de la naissance de leur arrière-petite-fille Clara.**



<< Fonds UEVACJEA, Paris_CDJC_Mémorial de la Shoah >>

# אונזער ווילן

אָרגאַן פון פאַרבאַנד פון די געוו. יידישע פראָנט=קעמפער


רעזערווירט אייך
די דאַטע

**פון דינסטיק דעם 24טן דעצעמבער**

צום

## 30-סטן

## יערלעכן נאַכט-באַל

וועלכער וועט פאָרקומען
אין די סאַלאָנען פון הילטאָן
פון 10 אָוונט ביז פאַרטאָג

איינטריט פרייז — 40 פר.

מען קאָן פון פאָרויס באַשטעלן טישלעך צום נאַכט-עסן

# דערמאַנונג

אונדזער צייטונג איז דאָס מאָל געווידמעט צום גרעסטן טייל דעם דרייסיקסטן יובל פון אונדזער פאַרבאַנד, וואָס איז געבוירן געוואָרן, ווי עס איז באַקאַנט אין יאָר 1944. איר וועט אין דער צייטונג געפינען גאַנצע זייטן געווידמעט דער דאָזיקער דאַטע. די ספּעציעלע זייטן שפּיגלען אָפּ דרייסיק יאָר טעטיקייט לטובת די געוועזענע יידישע פראָנט־קעמפער. עס איז באַקאַנט אין יאָר 1944. דאַטע, וואָס פאַרדינט מ'זאָל וועגן איר רעדן. דאָס איז דער פינף און דרייסיקסטער יאָרטאָג פון די מאַסנווייזע אַנגאַזשירונגען פון יידישע פרייוויליקע, וואָס האָבן זיך איינגעגלידערט אין דער פראַנצויזישער אַרמיי באַלד פון אָנהייב ווי די צווייטע מלחמה איז אויסגעבראָכן.

אין יאָר 1939, ווען איבער פראַנקרייך האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ געפאַר און זי האָט געמוזט אונטערנעמען די מלחמה מיטן היטלעריסטישן דייטשלאַנד מאָביליזירנדיק אַלע קאַמפּספּעאיקע מענער, האָבן אין זעלבן פּאַטריאָטישן און אַנטיפאַשיסטישן שוווּנג ספּאָנטאַניש זיך אַנגאַזשירט אין דער אַרמיי צענדליקער טויזנטער אימיגרירטע, וועלכע האָבן געלעבט אין פראַנקרייך. צווישן זיי האָבן זיך געפונען טויזנטער יידן.

צוזאַמען זיינען מיר געשטאַנען אין אַ ריי פאַר די קאַזאַרמעס און פאַר די רעקרוטירונגס־ביוראָען, כדי אָנגענומען צו ווערן אין דער אַרמיי. צוזאַמען האָבן מיר דורכגעמאַכט דעם ווינטער אין די מיליטערישע אויסבילדונגס־לאַגערן אין וואַלבאָן, באַרקאַרעס און אין אַנדערע, כדי צו קאָנען זיך באַגיין מיטן מלחמה־וואָפן. צוזאַמען האָבן מיר געקעמפט אין די רייען פון 11־טן און 12־טן ר. ע. אי., אין 21־טן, 22־טן און 23־סטן ר. מ. וו. ע., אין דעם 1־טן, 2־טן און 3־טן באַטאַליאָן פון די אויסלענדישע פּיאָניר־אָפּטיילונגען, אין דער 1־טער האַלב־בריגאַדע און אין אַנדערע אָפּטיילונגען.

זייט ביי זייט האָבן מיר זיך קעגנגעשטעלט די דייטשע פּאַנצער־דיוויזיעס אין בעלגיע, אין די אַרדענען, אין סואַסאָן, ביי שען־פּאָפּילע, פּעטיטז'אַרמואַר, אין נאַרוויק. פאַר אונדזערע אויגן זיינען געפאַלן אונדזערע חברים אין שלאַכט, אַנדערע זיינען פאַרוווּנדעט געוואָרן, אָדער געבליבן קאַליקעס אויפן גאַנצן לעבן. אין דער שלאַכט ביי דער סאָמע איז דער 22־טער ר. מ. וו. ע. ציטירט געוואָרן צום אָרדן פון דער אַרמיי. ער האָט פאַרלוירן מער ווי אַ דריטל פון זיין באַשטאַנד. דער 1־טער באַטאַליאָן פון פּיאָנירן, וואָס האָט געקעמפט אין שאַלאָן ביי דער מאַרנע, האָט פון טויזנט מענטשן פאַרלוירן צוויי הונדערט. און מיר וואָלטן געקאָנט נאָך געבן אַנדערע ביישפּילן.

דערנאָך זיינען געקומען די שווערע יאָרן פון געפאַנגענשאַפט. מיר זיינען ווידער געווען צוזאַמען, אָבער מיר זיינען אָפּגעטיילט געוואָרן פון אונדזערע קאַמפּס־חברים פון פראַנצויזישער אָפּשטאַמונג און אַריינגעשלייָדערט אין די „יודען־באַראַקעס". מיר האָבן געמוזט אויספירן די שווערסטע אַרבעטן, די צוממייסטן שמוציקע און דערנידערנדיקע. אָבער אַרויסהעלפנדיק זיך איינע די אַנדערע, זיינען מיר נישט אַראָפּגעפאַלן ביי זיך, און אונדזער מוט האָט זיך נישט אונטערגעבראָכן. מיר האָבן זיך באַטייליקט אין דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין די סטאַלאַגן.

אונדזערע חברים, וועלכע זיינען פאַרבליבן אין פראַנקרייך, האָט געטראָפן דער גורל פון אַנדערע אונדזערע יידישע ברידער, וואָס זיינען מאַסנווייז אינטערנירט און דעפּאָרטירט געוואָרן. הינטער די שטעכלדראָטן פון פּיטיוויע־לאַגער זיינען מיר געווען 1300 געוועזענע פרייוויליקע אַנגאַזשירטע אויף דער אַלגעמיינער צאָל 1800 אינטערנירטע. און וויפל אין באָן־לאַ־ראָלאַנד און אַנדערע אינטערנירונגס־לאַגערן, אָדער אין די אַרבעטס־לאַגערן פון דער אַזוי גערופענער „פרייער" זאָנע ? דאָס איז געווען דער „דאַנק" פון דער ווישירעגירונג פאַר אונדזער מסירת נפשדיקייט און אונדזער צוגעבונדנקייט צו פראַנקרייך.

גרויס איז געווען די צאָל פון אונדזערע חברים, וואָס האָבן אָנטייל גענומען אין די קאַמפן אין די מאַקיס, אין פאַרשידענע ציווילע אָרגאַניזאַציעס און מיליטערישע פאָרמאַציעס פון דער „רעזיסטאַנס". אַ סך פון זיי האָבן זיך באַטייליקט אין פּאַריזער אויפשטאַנד, אין די קאַמפן ביים באַפרייען ליאָן, גרענאָבל, פּערפּיניאָן, מאַרסעיל און אַנדערע שטעט. און וויפל פון זיי זיינען אין די דאָזיקע שלאַכטן געפאַלן ? וויפל האָבן פאַרלוירן זייערע משפּחות אויף דער דעפּאָרטאַציע, בלויז דערפאַר ווייל זיי זיינען געווען יידן ?

יענע געמיינזאַמע קאַמפן און ליידן האָבן אויף שטענדיק אויסגעשמידט אונדזער פריינטשאַפט, וואָס איז געבוירן געוואָרן אויף די שלאַכט־פעלדער, אין די סטאַלאַגן, און אין דער „רעזיסטאַנס". דאָס האָבן זיי — די געמיינזאַמע שלאַכטן און ליידן — נאָך דער באַפרייאונג אויפגעוועקט ביי אונדז דעם הייסן באַגער, די נויטיקייט זיך צו גרופּירן צוזאַמען און דאָס אויך דערפאַר, ווייל די פילצאָליקע ספּעציפישע פּראָבלעמען פון די יידישע געוועזענע פראָנט־קעמפער פון אויסלענדישער אָפּשטאַמונג האָבן געפאָדערט צו האַנדלען געמיינזאַם און אויך אין ענגער פאַרבינדונג מיט די נישט־יידישע געוועזענע קאָמבאַטאַנטן.

דאָס איז דער נאָענטסטער, דער אוממיטלבאַרער אורשפּרונג פון אונדזער פאַרבאַנד, וואָס פייערט היינטיקס יאָר זיין דרייסיקסטן יובל. דאָס איז אויך געווען דער צעמענט, וואָס האָט במשך פון לאַנגע יאָרן באַפעסטיקט אונדזער איייניקייט אין אַ געמיינזאַמער טעטיקייט און וועט אונדז דערמעגלעכן זי פאָרצוזעצן לטובת די יידישע געוועזענע פראָנט־קעמפער.




n° 147 Octobre 1974 (1)

<< Fonds UEVACJEA, Paris_CDJC_Mémorial de la Shoah >>

מ. שוסטער

# 30 יאָר עקזיסטענץ פון אונדזער פאַרבאַנד

דרייסיק יאָר אין דינסט פון די געוועזענע יידישע פראָנט־קעמפער איז אַ גאָר גרויסע און חשובע דאַטע פאַר אונדזער פאַרבאַנד, וואָס האָט דעם 20־טן אָקטאָבער אָפּגעמערקט אויף אַזאַ פייערלעכן און חברישן אופן די עקזיסטענץ פון אונדזער אָרגאַניזאַציע מיט אַ פריינטשאַפט־באַנקעט אין האָטעל מערידיען, אין דער אָנוועזנהייט פון אָנגעזעענע פאָרשטייער פון דער קאָמבאַטאַנטן־וועלט, פון יידישן ישוב און פון אונדזערע מיטגלידער מיט זייערע פרויען.

מיט 30 יאָר צוריק, ווען פראַנקרייך האָט זיך נאָר וואָס באַפרייט פון נאַצישן אָקופּאַנט, ווען אויף אַלע פראָנטן זיינען נאָך אָנגעגאַנגען בלוטיקע קאַמפן, ווען טויזנטער יידן פון פּאַריז האָבן זיך נאָך געפונען אויף די פראָנטן אָדער אין די נאַצישע געפאַנגען־לאַגערן — האָט אַ גרופּע געוועזענע יידישע פראָנט־קעמפער אין סעפּטעמבער 1944 גענומען די איניציאַטיוו צו גרינדן דעם פאַרבאַנד פון די יידישע פרייוויליקע און פראָנט־קעמפער.

שוין פון ערשטן טאָג אָן האָבן די איניציאַטאָרן, וועלכע האָבן פאַראייניקט די 3 שוין עקזיסטירנדיקע גרופּעס זיך געשטעלט אַלס באַלדיקן ציל ווירדיק אויפצונעמען זייערע צוריקגעקומענע חברים פון די פראָנטן, פון די סטאַלאַגן און פון די פּאַרטיזאַנען־לאַגערן.

גרויס איז געווען די פרייד פון די, וואָס האָבן געהאַט דאָס גליק צוריקצוקומען קיין פּאַריז, ווו זיי האָבן שוין געפונען אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט זיי טאַקע אויפגענומען אויף אַזאַ רירנדיקן אופן און זיי געהאָלפן אין די ערשטע טעג צו מאַכן די נויטיקע שריט ביים אָרגאַניזירן זייער ניי לעבן.

זינט דאַן האָט אונדזער פאַרבאַנד געפייערט די פינף, צען, פופצן, פינף און צוואַנציק און איצט זיין דרייסיק־יאָריקע עקזיסטענץ. יעדעס מאָל מיט אַ באַזונדערער פייערלעכקייט. אין הסכם מיט די רעאַליזירונגען און דערגרייכונגען, וואָס האָבן געגעבן פולשטענדיקע צופרידנקייט די געוועזענע יידישע קאָמבאַטאַנטן. צוויי ביכער, איינס צו דער צען־יאָריקער עקזיסטענץ פון אונדזער פאַרבאַנד און דאָס צווייטע צו די פינף און צוואַנציק יאָר, האָבן אַרויסגעבראַכט אָט די אַלע דערגרייכונגען. זיי וועלן אייביק פאַרבלייבן אַלס וויכטיקע דאָקומענטאַציע ־ ביכער, וואָס ברענגען דער עיקר אַרויס דעם פרייוויליקן אָנטייל פון די איינגעוואַנדערטע אין קאַמף קעגן היטלעריזם און פאַרן זיג איבערן נאַציזם פאַר אַ פריי און אומאָפּהענגיק פראַנקרייך מיט וועמען זיי האָבן געבונדן זייער גורל.

היינט עקזיסטירט איין אַדרעס פאַר די געוועזענע יידישע קאָמבאַטאַנטן. דאָס איז, רי שאַטאָ ד'אָ, ווו זיי ווערן אויפגענומען שטענדיק חבריש און פריינטלעך און ווו זיי וויסן, אַז אַלץ ווערט געטאָן לטובת זיי און אין זייערע אינטערעסן, וואָס זיינען הייליק פאַרן פאַרבאַנד.

אונדזערע מיטגלידער זיינען גוט באַקאַנט די טויזנטער און טויזנטער אינטערווענצן פון פאַרבאַנד לטובת זיינע מיטגלידער אין דער פראַגע פון זייער וווין־ און אַרבעטס רעכט, האַנדלס־קאַרטן, וווינונגען, מיליטערישע ביכלעך, קאָמבאַטאַנטן־קאַרטן, פּענסיעס, נאַטוראַליזאַציעס, אַנטשעדיקונג, רעטרעט א״א.

דער פאַרבאַנד האָט קיינמאָל נישט פאַרגעסן אין אונדזערע קאַמפס־חברים, געפאַלן אויף די שלאַכט־פעלדער. מיר האָבן אויסגעבויט אַ ברודער־קבר און אויפגעשטעלט דעם מאָנומענט, וואָס סימבאָליזירט דעם אָנטייל פון די איינגעוואַנדערטע יידן אין פראַנקרייך אינעם קאַמף קעגן היטלעריזם, געפירט אַ קאַמף קעגן באַוואָפענען מערב־דייטשלאַנד, קעגן דער ווידעראויפוואַכונג פון נאַציזם, קעגן אַנטיסעמיטיזם, ראַסיזם און פאַר שלום.

עס זיינען אויך גוט באַקאַנט די דעמאַרשן פון פאַרבאַנד אין דייטשלאַנד וועגן די אָפּגעהאַלטענע אַנטשעדיקונגען פאַר די יידישע קריגס־געפאַנגענע אַלס נאַצי־קרבנות.

***

אַ באַזונדער קאַפּיטל איז, אָן און פאַר זיך דאָס אויפבויען דאָס אָפּרו־הויז אין לעוועגס. אין די צען יאָר, וואָס דאָס הויז האָט פונקציאָנירט זיינען שוין דורכגעגאַנגען טויזנטער געוועזענע יידישע קאָמבאַטאַנטן. דאָס הויז איז אָבער אויך אָפן פאַר אַלע קראַנקע נישט־יידן. דאָס איז זינט דאַן געוואָרן דאָס אָרט פון פאַרברידערונג און פריינטשאַפט פון יידן און נישט יידן. דאָס איז איינע פון די גרעסטע דערגרייכונגען פון פאַרבאַנד אויפן סאָציאַלן געביט, וואָס פאַרנעמט אַן אַלץ מער וויכטיק פּלאַץ אין אונדזער טאָג־טעגלעכער אַרבעט.

אין פאַרלויף פון די דרייסיק יאָר איז אונדזער פאַרבאַנד געוואַקסן כסדר. ער איז געוואָרן אויסערגעוויינלעך פּאָפּולער, באַליבט און געשעצט, נישט בלויז ביי די יידישע קאָמבאַטאַנטן נאָר דורך דער גאַנצער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט.

אַזאַ אָנזען איז פאַרשטענדלעך נישט געקומען פון זיך אַליין. דאָס איז געקומען אין דער ערשטער ריי דערפאַר, וואָס ער האָט זיך נישט באַגרענעצט מיט די טאָג־טעגלעכע פאָדערונגען, נאָר וואָס די אָרגאַניזאַציע האָט גענומען שטעלונג צו אַלע פּראָבלעמען, וואָס האָבן אַ שייכות מיטן קאַמף קעגן נאַציזם, אַנטיסעמיטיזם, אין פראַנקרייך און אומעטום, ווי אויך צו אַלץ וואָס איז נוגע דעם יידישן ישוב און גאָר באַזונדערס זיין סאָלידאַריטעט מיט ישראל אין קאַמף פאַר זיין זיכערקייט, פאַר זיין עקזיסטענץ און פאַר שלום. די דאָזיקע סאָלידאַריטעט ווייזן מיר אַרויס אין ברענגען צום אויסדרוק יעדעס מאָל ווען ישראל איז אין געפאַר, אָבער אויך אין פרידן. מיר האָבן קיינמאָל נישט געצווייפלט און מיר האָפן, אַז ישראל וועט באַזיגן אַלע שוועריקייטן, כדי צו דערגרייכן אַ גערעכטן שלום מיט אירע אַראַבישע שכנים און אָנהאַלטן איר פּלאַץ צווישן אַלע פעלקער אין דער וועלט.

וואָס שייך די אַנדערע סיבות, וואָס האָבן גורם געווען אַזאַ רעשיקע און אומאויפהערלעכע אַנטוויקלונג במשך פון די אָפּגעלאָפענע 30 יאָר זיינען זיי:

דער שטאַרקער ווילן און די אַנטשלאָסנקייט פון די געוועזענע יידישע פראָנט־קעמפער צו בלייבן געאייניקט פאַר זייערע פאָדערונגען און צילן, פונקט ווי זיי זיינען עס געווען אויף די שלאַכט־פעלדער קעגן געמיינזאַמען נאַצישן שונא, אין דער רעזיסטאַנס און אין די לאַגערן.

אָט דער איינהייט־ווילן האָט אין די שווערסטע צייטן דערמעגלעכט צו געפינען די נויטיקע פאַרשטענדיקונג, כדי צו קאָנען פאַרזעצן אונדזער אחריותפולע און אַזוי וויכטיקע טעטיקייט.

אין אונדזער היינטיקער אַזוי קאָמפּליצירטער וועלט, וואָס זוכט וועגן צו לייזן די ביז גאָר שווערע פּראָבלעמען, כדי צו פאַרזיכערן דעם שלום און גליק פון די פעלקער, איז דאָס פייערן פון יובל פון אונדזער פאַרבאַנד נישט אויסן זיך צו מאַכן בלויז קאָמפּלימענטן און לויב־געזאַנגען פאַר אונדזערע אויפטועןן אין דער פאַרגאַנגענהייט. דאָס איז גיכער אַן עכאָ פון דער געשיכטע, וואָס קאָן אונדז העלפן אויפצוהאַלטן אונדזערע שווער־דערגרייכטע פּאָזיציעס, אָבער אויך אָנצוצייכענען די ווייטערדיקע אויפגאַבן.

מיר זיינען איבערצייגט, אַז ביי דער אַקטיווער מיטהילף פון אונדזערע מיטגלידער, וואָס רינגלען אַרום מיט ליבשאַפט די אָנפירנדיקע פאַרוואַלטונגס־חברים, וועט דער צענטראַל־קאָמיטעט קאָנען, ווי אין דער פאַרגאַנגענהייט, דערפילן די אויפגאַבן, וואָס בלייבן נאָך צו רעאַליזירן, צום וווויל פון אַלע אונדזערע מיטגלידער, פון די יידישע קאָמבאַטאַנטן.

# דעם 20-טן אקטאבער
## אין האטעל „מערידיען" פארגעקומען ענטוזיאסטישער יובל-באנקעט

אין גרויסן העל־באַלויכטענעם זאַל פון האָטעל „מערידיען" ביי פּאָרט מאַיאָ האָבן זונטיק דעם 20־סטן אָקטאָבער עטלעכע הונדערט אונדזערע מיטגלידער מיט זייערע פאַמיליעס פאַרנומען פּלאַץ ביי צענדליקער שיין־געדעקטע טישלעך, כדי אויף דעם יובליי־באַנקעט צו פייערן די 30 יאָר עקזיסטענץ פון אונדזער אָרגאַניזאַציע.

די פייערונג האָט געעפנט דער פאַרזיצער פון פאַרבאַנד ב. פאַנס, כדי צו באַגריסן די אָנוועזנדיקע מיטגלידער און די השובע געסט צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפונען : דער פּרעזידענט פון „אופּאַק", געוועזענער מיניסטער, ליסיען בעגיען; דער פּרעזידענט פון פּאַריזער „אופּאַק", אונדזער לאַנגיאָריקער פריינט מאָריס פּעפּער; דער פּרעזידענט פון דער פעדעראַציע פון די יידישע קאָמבאַטאַנטן־אָרגאַניזאַציעס פון ביידע וועלט־מלחמות, הער גלאַסבערג; די פּרעזידענטן פון „אָרזשעוור" — מאַפּיני און ד"ר גאַראַוויט, די פאָרשטייער פון די דעפּאָרטירטע בורשטין און פּרוי בעסערמאַן; פון „אוניאָן" — שטיינמאַן; פון פאַרבאַנד פון די יידישע געזעלשאַפטן — סימאָני און דער דירעקטאָר פון „לאַריע ראָז" — נאַטאַן סאַפּיר.

דעם באַנקעט האָט געעפנט דער פּרעזידענט פון פאַרבאַנד, **ב. פאַנס**. ער האָט באַגריסט די מיטגלידער פון פאַרבאַנד און די איינגעלאַדענע געסט.

ער האָט דעם פאַרזאַמלטן עולם געווונטשן אַ גוטן אַפּעטיט און די אָנוועזנדיקע האָבן געגעסן די געשמאַקע מאכלים, ביי דער באַגלייטונג פון גוט־באַקאַנטן אָרקעסטער פון פּאַל פאַבער און פון דער זינגערין נאַדין.

צום סוף פון מיטאָג איז פאָרגעקומען דער אָפיציעלער טייל פון דער פייערונג.

ב. פאַנס האָט דערמאָנט די ערשטע שריט פון אונדזער אָרגאַניזאַציע. ער האָט געזאָגט צווישן אַנדערן :

„מיט 30 יאָר צוריק נאָך אַ 4 יאָר בלוטיקער נאַצי־אָקופּאַציע, זיינען די היטלעריסטן אַרויסגעטריבן געוואָרן פון פראַנקרייך".

„צווישן די לעבן־געבליבענע פון דעם גיהנום האָבן זיך געפונען יידן פון אויסלענדישער אָפּשטאַמונג, געוועזענע פראָנט־קעמפער צוריקגעקומענע פון די סטאַלאַגן, פון די אינטערנירונג־לאַגערן און דעפּאָרטאַציע, כדי צו פאַרטיידיקן זייערע רעכט און צו ענטפערן אויף זייערע טיפסטע אַספּיראַציעס האָבן זיי געשאַפן אונדזער פאַרבאַנד.

„מיר זיינען געווען יונג, מיר האָבן געטראָגן אויף אונדזערע פּלייצעס 30 יאָר ווייניקער. מיר זיינען געווען דינאַמיש, קעמפעריש, אונטערנעמעריש"...

„די אָמיינסטן ספּעקטאַקולערע אין וועלט־פאַרנעם דערשיינונג, וואָס האָט אַרויסגערופן אַ פרייד צווישן די יידן אין דער גאָרער וועלט, איז געווען דאָס שאַפן פון דער יידישער מדינה אין 1948.

„אונדזער פאַרבאַנד האָט באַגריסט מיט פרייד די געשעעניש. פון ערשטן טאָג אָן, אין פאַרלויף פון די 26 יאָר, האָבן מיר כסדר מאַניפעסטירט אונדזער סאָלידאַרטעט מיט דער מדינה דורך מאַטעריעלע און מאָראַלישע אַקציעס".

דער רעדנער האָט דערמאָנט אַ ריי פון זיי און ספּעציעל די פאַראַיאָריקע זאַמלונג בעת און נאָך דער יום־כיפּור־מלחמה.

(פאָרזעצונג אויף זייט 9)

# פילם
## „לע גישע די לוור"

דער פילם „לע גישע די לווור" פון מישעל מיטראַני, וואָס ווערט געוויזן זינט מערערע וואָכן אין די פּאַריזער קינאָ־זאַלן, קומט צו דער ריכטיקער צייט, ווען מען האָט אומעטום געפייערט 30 יאָר פון דער באַפרייאונג פון דער נאַצישער אָקופּאַציע.

דאָס איז אַ שטאַרק אויפטרייסלענדיקער פילם וועגן די גרוילן פון „שוואַרצן דאָנערשטיק" אין 1942 אין פּאַריז, וואָס איז איינגעקריצט אויף אייביק אין האַרץ פון יעדן יידן.

דער גרויסער פאַרדינסט פון רעאַליזאַטאָר באַשטייט נישט בלויז אין דערמאָנען, וואָס עס האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט די גרויל־אַבלאַוועס פון אָט דעם טראַגישן טאָג איבער די יידן און ווי אַזוי מען האָט פאַרנומען טויזנטער פון זיי אין געוועזענעם „וועל ד'היוו" פון וואַנען זיי זיינען מער נישט צוריקגעקומען פון דעפּאָרטאַציע, נאָר דערפאַר ווייל זיין פילם רעקאָנסטרויִרט דעם אמת וועגן אָט דער שוידערלעכער טראַגעדיע, וואָס דאַרף כסדר באַקאַנט ווערן דער ברייטער פראַנצויזישער עפנטלעכקייט, ווי אַזוי פּעטען און לאַוואַל האָבן געשטעלט די פראַנצויזישע פּאָליציי אין דינסט פון היטלערן און אויסגעליפערט די יידן אויף אַזאַ ברוטאַלן און הפקרדיקן אופן די נאַציס.

און דאָס האָט די פּאַריזער פּאָליציי דורכגעפירט אָט דאָס פאַרברעכן, וואָס איז אָפּלאַדירט געוואָרן דורכן נאַצי דאַנעקער, פאַר אָט דער אָפּעראַציע.

אויף דער פאָן פון קיינמאָל נישט פאַרגעסענעם „שוואַרצן דאָנערשטיק". האָט מישעל מיטראַני רעקאָנסטרואירט מיט פיל טאַלאַנט און טאַקט די טראַגישע איבערלעבענישן פון אַ יונג יידיש מיידל (קריסטין פּאַסקאַל), וועלכע וויל נאָך נישט גלויבן, אַז דאָס זעלבע איז געשען מיט איר מוטער און שוועסטער און וויל נישט אָננעמען די הילף פון אַ יונגן בחור, וועלכער וויל זי ראַטעווען.

דער העלד פון פילם, וואָס איז געבויט לויטן ראָמאַן פון ראָזשע בוסינאָ, אַ רעוואָלטירטער יונגער סטודענט מיט טיף־מענטשלעכע געפילן (קריסטיאַן ריסט), וועט אַלץ טאָן, כדי צו ראַטעווען דאָס יידישע מיידל.

ער בעט זיך ביי איר זי זאָל מיטגיין מיט אים אויפן לינקן ברעג, אויף יענער זייט פון „לווור" (פון די פענצטערלעך פון לווור), אָבער אומזיסט. דאָס מיידל וועט צום אומגליק ווי אַ סך יידן, האָבן דאַן נאָך אַלץ געגלויבט אין די היטלעריסטישע צוזאָגן, זיך אומקערן „צו איר פאָלק" צו די איריקע, ווי זי דריקט זיך אויס און וועט טיילן זייער גורל.

דער צושויער לעבט איבער די מוראדיקע עפּיזאָדן פון יענעם „שוואַרצן טאָג" פאָלגט נאָך מיט פיין די ליידן פון די יידן, וועמען די פּאָליציי האָט אַרעסטירט אָן אונטערשייד צי דאָס זיינען זקנים, פרויען, קינדער און קראַנקע.

ער פאָלגט נאָך באַזונדערס די איבערלעבענישן פון דעם יונגן יידישן מיידל, וואָס הויבט אָן צו האָבן פיל סימפּאַטיע פאַר איר רעטער, דעם נישט יידישן סטודענט.

זייער שפּיל, ווי די שפּיל פון אַלע אַרטיסטן און פיגוראַנטן איז זייער אַ געלונגענע. ס'איז גוט אויך וואָס דער רעאַליזאַטאָר האָט אָנפאַרטרויט מערערע יידישע אַרטיסטן : פּאָלאַ וויגעל, רבקה גאָמער, פּ. האַרטנבערג, מ. שטאָרך, גרינבערג, פּעטראָקאָווסקי און אַנדערע צו אינטערפּרעטירן די ראָלן פון אויסלענדישע יידן, וואָס וואַרפן זיך אונטער דעם באַפעל פון דער פּאָליציי, כאָטש זיי באַקומען אָן אויפרוף פון דער יידישער פּראָגרעסיווער ווידערשטאַנד־באַוועגונג זיך קעגנצושטעלן און צו פאַרלאָזן זייערע היימען.

דער פילם „שלאָגט זיך נישט פאָר צו וואַרפן אַ נייע שיין אויף דעם פּעריאָד פון דער דייטשער אָקופּאַציע, נאָר אַרויסצוברענגען די סאַמע פינצטערע טייל, די וואָס מען האָט שטאַרק געזוכט צו פאַרדעקן, אַזוי גרויס איז די בושה, ווען דער מענטש דערמאָרדעט דעם מענטשן „צוליב דער פראַגע פון אידענטיטעט", ווי דאָס איז געשען אין אָט דעם טאָג פון 16־טן יולי 1942.

מיר ראַטן אים צו זען.

מ. ש.



№ 147 octobre 1974 (2)

<< Fonds UUEVACJEA, Paris_CDJC_Mémorial de la Shoah >>

# וואָס הערט זיך אין דער קאַמבאַטאַנטן־וועלט ?

## פון די פּרעזידענט־וואַלן ביז די גענעראַל־שטאַטן פון 5־טן אָקטאָבער

אין פאַרלויף פון די לעצטע חדשים האָט די רעפּרעזענטאַטיווע קאָמבאַטאַנטן־צענטראַלע, דער „אופאַק", אַנטוויקלט אַ לעבהאַפטע טעטיקייט. די לעצטע פּרעזידענט־וואַלן האָבן דערוועקט געוויסע האָפענונגען. האָט דאָך בעת דער קאַמפּאַניע הער זשיסקאַר ד׳עסטען געשריבן צום „אופאַק" : „די פאַרשידענע קאָמבאַטאַנטן־גענעראַציעס האָבן רעכט אויף נאַציאָנאַלער אָנערקענונג... איר קאָנט רעכענען אויף אַ לאָיאַלער שטעלונג אין מאָמענט ווען עס וועלן אָנגענומען ווערן באַשלוסן". נישט קוקנדיק דערויף, וואָס דאָס זענען געווען וואַקאַנס־מאָנאַטן, זיינען אָנגעהאַלטן געוואָרן קאָנטאַקטן מיט די געהעריקע מיניסטעריומס און עס זיינען געפירט געוואָרן אונטער־האַנדלונגען.

## אויסערארדנטלעכע נאַציאָנאַלע קאָנפערענץ פון "אופאַק"

דעם 12־טן יוני איז פאָרגעקומען אַן אויסעראָרדנטלעכע נאַציאָנאַלע קאָנפערענץ פון „אופאַק" מיטן אָנטייל פון דעלעגאַטן פון 53 נאַציאָנאַלע פאַרבאַנדן און פון 95 דעפּאַרטאַמענטאַלע פאַריינען.

די קאָנפערענץ האָט געפאָדערט, אַז אין גייסט פון צוזאַמענאַרבעט, זאָלן די קאָמבאַטאַנטן־אָרגאַניזאַציעס ווערן איינגעלאַדן אָנטייל צונעמען אין אויסאַרבעטן די נויטיקע מאָסמיטלען אין צוזאַמענהאַנג מיט דער צוגרייטונג פון בודזשעט־פּראָיעקט פאַרן יאָר 1975, אַז די אַרבעטס־גרופּן ביים קאָמבאַטאַנטן ־ מיניסטעריום זאָלן זיך פאַרזאַמלען, ספּעציעל די, וואָס פאַרנעמט זיך מיטן „ראַפּאָר קאָנסטאַן" און עס זאָל באַטראַכט ווערן די מעגלעכקייט פון אָננעמען דעם 4־יאָר־פּלאַן פון„ „אופאַק".

די קאָנפערענץ האָט אויסגעדריקט דעם ווונטש, אַז עס זאָל צוריק געשטעלט ווערן די אַטמאָספער פון צוטרוי צווישן די קאָמבאַטאַנטן־אָרגאַניזאַציעס און דעם שטאַט־סעקרעטאַריאַט.

## דעלעגאַציע פון „אופאַק" ביי ה. באַרד

צומאָרגנס נאָך דער קאָנפערענץ דעם 13־טן יוני, האָט דער „אופאַק" געבעטן, אַז דער שטאַט־סעקרעטאַר זאָל אויפנעמען אַ דעלעגאַציע פון פאַרבאַנד.

דאָס איז צושטאַנדגעקומען דעם 1־טן יולי.

עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ לאַנגע דיסקוסיע וועגן אופן פון דער ווייטערדיקער צוזאַמענאַרבעט.

עס איז באַשלאָסן געוואָרן צונויפצורופן ווי אַמשנעלסטן די אַרבעטס־גרופּע נוגע דעם „ראַפּאָר קאָנסטאַן", אָבער דער מיניסטער האָט באַלד באַטאָנט, אַז אין דעם פּרט איז די רעגירונג נישט מסכים מיט די קאָמבאַטאַנטן־אָרגאַניזאַציעס.

דער מיניסטער האָט דאָך אָנגענומען דעם פּרינציפּ פון אויסאַרבעטן אַ פּלאַן אויף צו רעגולירן שטופּנווייז די וויכטיקסטע קאָמבאַטאַנטן־פאָדערונגען. עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו שאַפן אַן אַרבעטס־גרופּע, וואָס זאָל שטודירן דעם 4־יאָר־פּלאַן וואָס דער „אופאַק" האָט פאָרגעשלאָגן.

דער מיניסטער האָט דערביי אָנגעוויזן, אַז די גרופּע וועט דאַרפן אַרבעטן אין אַ פאַרשנעלערטן טעמפּאָ, כדי עס זאָלן באַצייטנס ווערן פאָרגעשטעלט קאָנקרעטע פאָרשלאָגן דעם פינאַנץ־מיניסטעריום און דעם פּרעמיער־מיניסטער און זיי זאָלן קאָנען אַריינגיין אין די בודזשעט־ פאָראויסזעאונגען פאַרן יאָר 1975.

אויף אַ פּרעסע־קאָנפערענץ האָט דער פּרעזידענט פון „אופאַק" אָנגעוויזן, אַז די אוידיענץ איז אַדורך אין גייסט פון געמיינזאַמער פאַרשטענדעניש, און אַז די קאָמיסיעס וועלן זיך פאַרזאַמלען דעם 17־טן יולי.

## אינטערוויו פון ליסיען בעגיען

דעם 20־סטן אויגוסט האָט דער פּרעזידענט פון „אופאַק" אין אַן אינטערוויו פאַר דער קאָמבאַטאַנטן־פּרעסע רעזומירט די לאַגע.

ער האָט ווידער אַמאָל דערקלערט, אַז דער „אופאַק" האָט גינסטיק אָפּגעשאַצט די שטעלונג פון שטאַט־סעקרעטאַר בעת דער אוידיענץ פון 1־טן יולי.

ער האָט אָבער אויסגעדריקט זיין דערשטוינונג, וואָס נאָך דער אוידיענץ האָט ה. באַרד איינגעלאַדן אייניקע פאַרשטייער פון אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען נישט אָנגעשלאָסן אין „אופאַק" „מיט דער אויסזיכט, זאָגט מען, צו שאַפן אַ מין אָפּאָזיציע־קאַרטעל לגבי דעם „אופאַק"... אונדזערע חברים האָבן דאָס באַטראַכט אַלס אַ פּרוּוו פון שפּאַלטונג... עס איז פאַרשטענדלעך, אַז אַזאַ האַנדלונג אויב זי זאָל זיך איבערחזרן, וואָלט געהאַט זייער ערנסטע קאָנסעקווענצן".

און לוסיען בעגיען האָט צוגעגעבן :

„מען טאָר נישט פאַרגעסן„ אַז דער גענעראַל דע גאָל האָט אין אַ ספּעציעלער פאַראָרדענונג, געגעבן דעם „אופאַק" אויסשליסלעכע רעכט צו רעפּרעזענטירן די קאָמבאַטאַנטן־־וועלט".

אויף דער פראַגע, וואָס עס איז פאָרגעקומען אין די וואַקאַנס־מאָנאַטן, האָט דער פּרעזידענט בעגיען געענטפערט, אַז בעת די וואַקאַנסן האָט די אַנטשפּרעכנדיקע קאָמיסיע שטודירט די פינאַנציעלע אויסווירקונגען פון פיר־יאָר־פּלאַן. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די נויטיקע סומע איז אַ קלענערע, ווי עס האָט זיך געדאַכט אין אָנפאַנג, וואָס איז אַ באַווייז, אַז דער „אופאַק" איז רעאַליסטיש צוגעגאַנגען צום פּראָבלעם פון רעגולירן די וויכטיקסטע קאָמבאַטאַנטן־פאָדערונגען.

אַן אַנדערע פראַגע איז געשטעלט געוואָרן נוגע די בודזשעט־פאָרויס־זעאונגען.

ל. בעגיען האָט דערקלערט, אַ ער איז דעם 30־סטן יולי, אין דער שפּיץ פון אַ דעלעגאַציע פון „אופאַק", אויפגענומען געוואָרן דורך דעם וויצע־פינאַנץ־מיניסטער פאָנסעלע, וועלכער פאַרנעמט זיך מיטן צוגרייטן דעם בודזשעט.

## נאַציאָנאַלער טאָג פון די קאַמבאַטאַנטן־אָרגאַניזאַציעס

דער 21־סטער סעפּטעמבער איז דערקלערט געוואָרן אַלס נאַציאָנאַלער טאָג פון דער קאָמבאַטאַנטן־באַוועגונג. אין אַלע דעפּאַרטאַמענטן זיינען פאָרגעקומען קאָנפערענצן.

די ביוראָ פון „אופאַק" האָט אין אַ בריוו צו דער קאָנפערענץ געשריבן צווישן אַנדערן :

„דער פּרעמיער שיראַק האָט אונדז דערקלערט, אַז די רעגירונג וויל ערנסט שטויסן פאָרויס די לייזונג פון אונדזערע גערעכטע פּראָבלעמען און דאָס אין גייסט פון אַ ברייטער צוזאַמענאַרבעט.

מען דאַרף אָבער געדענקען, אַז אין רעזולטאַט פון דער צוזאַמענאַרבעט דאַרפן אין בודזשעט־פּראָיעקט פאַרשריבן ווערן קאָנקרעטע סומעס און זיי דאַרפן באַקומען די סאַנקציע פון אַ געזעץ.

דעריבער וועט די קאָמבאַטאַנטן־באַוועגונג מיט פאַרביטערונג אויפנעמען די ידיעה, אַז דער בודזשעט־פּראָיעקט פון שטאַט־סעקרעטאַריאַט פאַר קאָמבאַטאַנטן־ענינים איז ליידיק. ער זעט נישט פאָר קיין לייזונג נוגע דער רעוואַלאָריזירונג פון די מלחמה־פּענסיעס. עס הערשט אַ שטילשווייגן אין די אָפיציעלע קרייזן נוגע דעם „ראַפּאָר קאָנסטאַן" און אונדזער פיר־יאָר־פּלאַן, וועגן וועלכן דער מלוכה־פּרעזידענט האָט זיך געהאַט אויסגעדריקט, אַז ער איז גענוגנדיק ערנסט, כדי מען זאָל אים באַטראַכטן מיט די בעסטע שאַנסן פון אַ פּאָזיטיווער לייזונג. איך נעם אָן דעם פּרינציפּ פון דאָזיקן פּלאַן".

די דעפּאַרטאַמענטאַלע קאָנפערענצן האָבן אויפסניי קאָנקרעטיזירט די וויכטיקסטע קאָמבאַטאַנטן־פאָדערונגען :

— אין פאַרלויף פון פיר יאָר אויסגלייכן די קאָמבאַטאַנטן־רעטרעט פון די אָנטיילנעמער איןביידע מלחמות.

— דערפירן די פּענסיעס פון מלחמה־אַלמנות, צו 500 פונקטן.

— העכערן די פּענסיעס פון עלטערן ביז 333 פונקטן, אָנהייבנדיק פון 1975.

— צוריקשטעלן די פּראָפּאָרציאָנעלקייט פון אינוואַלידן־פּענסיעס.

— צוריקשטעלן די פּאַריטעט צווישן די מלחמה־פּענסיעס און די לוינען פון די פונקציאָנערן.

## גענעראַל־שטאַטן פון דער קאַמבאַטאַנטן־וועלט

דעם 5־טן אָקטאָבער, איז אין „אונעסקאָ"־זאַל פאָרגעקומען אַ גרויסע מאַניפעסטאַציע פון די „גענעראַל־שטאַטן פון דער קאָמבאַטאַנטן־וועלט". צום ערשטן מאָל זיינען די גענעראַל־שטאַטן צונויפגערופן געוואָרן אין 1927, ווען דער עקאָנאָמישער קריזיס האָט שטאַרק אַראָפּגעדריקט דעם לעבנס־ניוואָ פון דער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג. צווישן זיי אויך פון די מלחמה אינוואַלידן. די קאָמבאַטאַנטן־אָרגאַניזאַציעס האָבן געהאַלטן דעם איצטיקן מאָמענט פאַר אַ גענוג ערנסטן, אַז די גענעראַל־שטאַטן זאָלן זיך פאַרזאַמלען צום צווייטן מאָל.

די פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען ביי אַ פול־געפּאַקטן קאָנפערענץ־זאַל פון „אונעסקאָ" ביי דער אַנוועזנהייט פון נאָבעל־פּרייז־טרעגער רענע קאַסען און פון שטאַט־סעקרעטאַר ה. באַרד.

עס זיינען פאָרגעלייענט געוואָרן רעפעראַטן וועגן דריי וויכטיקע דאַטעס : דער 60־סטער יאָרטאָג פון זיג ביי דער מאַרנע; דער 55־סטער יאָרטאָג פון דער שאַרטע פון מלחמה־פּענסיעס; דער 30־סטער יאָרטאָג פון דער באַפרייאונג פון פראַנקרייך.

דער וויצע־פּרעזידענט פון „אופאַק", עטיען נוואָ האָט גערעדט וועגן די קאָמבאַטאַנטן־רעכט.

די גענעראַל־שטאַטן האָבן אָנגענומען די „פּראָקלאַמאַציע פון געוועזענע קאָמבאַטאַנטן־ און מלחמה־קרבנות", פון וועלכער מיר ברענגען דאָ אייניקע אויסצוגן :

„מיר פּראָקלאַמירן, אַז די ליבע צום פאָטערלאַנד, צו גערעכטיקייט און שלום, האָט אונדז געגעבן מוט אויסצופילן אונדזער חוב פון בירגער„ ריזיקירנדיק אונדזער לעבן ווען די געלעגנהייטן האָבן דאָס געפאָדערט.

„אַדאַנק אונדז איז דאָס לאַנד עטלעכע מאָל זייט אַ האַלבן יאָרהונדערט אָפּגעראַטעוועט געוואָרן.

„אַדאַנק אונדז איז די נאַציע געבליבן אַ נאַציע, פראַנקרייך איז געבליבן פראַנקרייך !

„די געשיכטע וועט וועגן דעם געדענקען.

„לאָמיר דערמאָנען דער עפנטלעכער מיינונג, וואָס איז נישט שטענדיק גוט אינפאָרמירט, אַז די ווונדן פון דער מלחמה זיינען נאָך נישט אינגאַנצן פאַרשוווּנדן אין קערפּער און אין האַרץ פון די לעבן־געבליבענע און אַז מען מוז נאָך אַלץ היילן און העלפן.

„לאָמיר אויפקלערן, אַז עס איז נישט פאַראַן קיין פאַרברידערונג אָן גערעכטיקייט און קיין גערעכטיקייט, אויב די רעכט וואָס דאָס געזעץ האָט אָנערקענט די מלחמה־קרבנות ווערן פאַרגעסן אונטער פאַרשידענע פּרעטעקסטן.

„דעריבער באַשווערן מיר די העכסטע מלוכה־אויטאָריטעטן אַדורכצופירן אין לעבן די רעכט אויף רעפּאַראַציע, אָנערקענטע דורך די פּענסיעס־שאַרטע פון 31־סטן מערץ 1919, וועמענס נישט פולקאָמע דורכפירונג האָט געשאַפן אומדערטרעגלעכע אומגערעכטיקייטן.

„דעריבער באַשווערן מיר די רעגירונג און דעם פּאַרלאַמענט אָפּצושאַפן די אומגערעכטיקייטן נעמענדיק אין באַטראַכט און אָפּשטימענדיק דעם 4 יאָר־פּלאַן פון „אופאַק", וועלכער ענטפערט אויף די וויכטיקסטע נויטן פון די מלחמה־קרבנות.

„קאָמבאַטאַנטן און מלחמה־קרבנות פון 1914־1918, פון 39־45, פון צפון־אַפריקע און אַנדערע קאָנפליקטן, אַלע גענעראַציעס ברידערלעך פאַראייניקט, פאַרזאַמלטע, אָן אונטערשייד פון אָפּשטאַמונג, פון קלאַסן־אָנגעהעריקייט, פּאָליטישע אָנשויאונגען, זיכער אויסצודריקן די געפילן פון 4,500 000 מלחמה־קרבנות.

„שווערן מיר צו פאַרטיידיקן דעם הויכן פּרינציפּ פון רעפּאַראַציע, די באַזע פון אָנטשעדיקונג פאַר די מלחמה־קרבנות."

## נייעס פון "מוטיעל"

די ערשטע פּערמאַנענץ פון „מוטיעל" נאָך די וואַקאַנסן איז פאָרגעקומען דינסטיק, דעם 8־טן אָקטאָבער 1974, און וועט ווייטער פאָרקומען נאָרמאַל יעדן 2־טן דינסטיק פון מאָנאַט. די מיטגלידער פון מיטיעל וועלן קאָנען דערלעדיקן אַלע ענינים נוגע דעם מיטיעל.

זונטיק דעם 22־סטן סעפּטעמבער 1974, האָט דער מיטיעל אָנטיילגענומען אין דער יזכור־צערעמאָניע אין באַניע ביים מאָנומענט פון די יידישע פראָנט־קעמפער.

נאָך דער צערעמאָניע האָבן זיך אַלע מיטגלידער געטראָפן ביי די קברים און אָפּגעגעבן כבוד און באַערט אונדזערע פאַרשטאָרבענע מיטגלידער.

פרייטיק, דעם 25־סטן אָקטאָבער 6 אַזייגער פאַרנאַכט, איז פאָרגעקומען אַ זיצונג פון קאָמיטעט, מיט אַ וויכטיקן טאָג־אָרדענונג.

צווישן אַנדערע פראַגן זיינען אַרומגערעדט געוואָרן די צוגרייטונגען צו דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג, וועלכע וועט פאָרקומען זונטיק דעם 1־טן דעצעמבער, 3 אַזייגער נאָכמיטאָג.

די פאַרוואַלטונג



Nº 147 Octobre 1974 (3)

<< Fonds UEVACJEA, Paris_CDJC_Mémorial de la Shoah >>

